STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02739

YIDISHER 1000 YOHRIGER FOLKS-LUEH

Hayim Aharon Hovsha

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידישער 1000 יאהריגער
פאלקס-לוח.

זכור ימות עולם בינו שנות דור ודור.
דברים, ל"ב, ז'.

א פאלשטענדיגער לוח אויף דעם גאנצן אלף הששי.

דינים און מנהגים, זונען אויפגאנג און אונטערגאנג אין פארשידענע אופקים, מולדות ותקופות אויף 40 יאהר, קריאת הפרשיות וההפטרות, פרקים און הושענות,

דאצו א אויספיהרליכע אידישע חראניקא.

א געגויעם קאלענדער אויף איבער 400 יאהר, אויך אנדערע נוצבארע ידיעות.

יאם אלעם לייכט צו פערשטעהן פאר יעדן, לויט פארשידענע קוועלן צוזאמענגעשטעלט און ארויסגעגעבן

פון

חיים אהרן האוושא, שקוד, ליטא.

ריגא

דרוקעריי אקצ. געז. „ארי לעווין" מילן גאס 33

ה' אלפים תרפ"ז.

Copyright by Ch. A. Howsha, Skuodas, Lithuanie.

מיר בעטן, אַז מען זאָל אונזער מיה און אַרבייט ניט אויסנוצן, און זייען
אויך מזהיר, אַז עס איז שטרענג פערבאָטן איבערצודרוקן דעם ספר, הן אין אָרי־
גינאַל שפּראַך הן אין איבערזעצונג, אויך אַ טייל פון איהם. — עפ״י דין התורה
ועפ״י דינא דמלכותא.

הטורים הבאים נחקקו, על פי, על מצבת אהל קברו של כבוד אדוני אבי מו״ר הרב הגאון זצ״ל, בשקוד.
לשמו ולזכרו הנני מקדיש את ספרי זה.

המסדר והמו״ל.

„הה! לזכר עולם יהיה לצדיק״ לפ״ק

פ״נ.

הרב הגאון הצדיק, איש האשכולות, דרשן נפלא, עושה ומעשה, בשערים מהולל שמו מהור״ר יחיאל מיכל בהר״ר ראובן צבי האוושא, זצ״ל.

מחבר ספרים שונים, נולד בעיר קעלם ה׳ מנחם אב תר״ה, שפט את ישראל מ״ה שנה, מזה בעירנו ל״ח שנה, לקח אותו אלקים ביום ד׳ כ״ה אלול תרע״ז.

תנצב״ה.

רוחו במרום ימצא נוח ושכרים,
יום חשך יום אופל לנשארים.
מר יבכה כל איש תבונה,
הצדיק אבד ואין שוחר אמונה.

יום נתלו המאורות — באה שמשנו,
יום נברא העולם — נחרב עולמנו.

שלשלת יחוס משפחתנו מגעת, עד שפטיה בן דוד מאביטל. עיין זקדמתו של מר אבא זצ״ל לספרו „מיכל מים״, ובספר „בית ארזים״ „וזכרונות בן משפחתנו הרב החכם וסופר מר אליעזר אליהו פרידמן נ״י, כעת בירושלים יבדל לחיים.

פאָרוואָרט.

די נישטווירדיגקייט און נוצלאָזיגקייט פון אנ׳אַלטן לוח איז צום שפּריכוואָרט געוואָרן. און דאָך טרעפן, ביי יעדן מענשן כמעט, מאָמענטן ווען ער זוכט אנ׳אַלטן לוח און געפינט נִיט. איינער ווייס גענוי זיין געבורטסטאָג, אין וועלכן יאָהר, חדש, טאָג אין חדש ער איז געבאָרן. עס ווילט זיך איהם אָבער אויך וויסן, אין וועלכן וואָכנטאָג ער איז געבאָרן. אָדער ער ווייס גענוי דעם וואָכנטאָג, דעם חדש, אויך וויפיעל טעג אין חדש, נאָר אין איינִיגע יאָהר איז איהם אַ ספק. געהן זוכן און געפינען אנ׳אַלטן לוח מיט פיעל יאָהרען צוריק איז נִיט אַזוי לייכט. און אַזוי אויך ביי אַנדערע ערֵאינערונגען ווי חתונה, יאָהרצייטן וכדומה. איינער לעזט אַ היסטאָרישע געשעהענים, און עס ווילט זיך איהם וויסן אין וועלכן וואָכנטאָג עס האָט פּאַסיערט, ווער קען אַלעמאָל אַזוי לייכט אַליין אויסרעכענען די אַלטע דאַטום׳ס. בפרט ווען מען וויל פערגלייכן די ביידע צייטרעכנונגען, די אידישע מיט די נִיט אידישע. ער ווייס ווען ער איז געבאָרן לויט דעם אידישן חשבון, ער ברויך אָבער וויסן, וועלכער דאַטום איז דאַן געווען לויט זייער צייטרעכענונג, אָדער אומגעקעהרט. און אַזוי קומט אויך אָפט פאָר, אין קויפמענישע אָנגעלעגנהייטן און אָברעכענונגען, אַז מען ברויך וויסן גענוי אַ דאַטום פון פאָריגע יאָהרן. ביי זאָלכע און עהנליכע מקרים קען פאָרקומען, אַז מען זאָל זוכן אנ׳אַלטן לוח און נִיט געפינען, דען ווער האַלט עס אַזאַ נוצלאָזע זאַך ווי אנ׳אַלטן ל׳וח?

עס קען אַמאל אויך טרעפן, אַז מען דאַרף וויסן אַ דאַטום פון אַ שפּעטערן יאָהר אין אונזערע חדשים, אָדער לויט זייערע מאָנאַטן, אַזאַ לוח קען מען דאָך שוין געוויס נִיט קריגן, און נִיט אַלע קענען זיך אָבגעבן, אַ׳יין אויסצורעכענען אויף אַ משך פון יאָהרן פאָראויס

דארום מיינען מיר, אַז מיט אונזער אַרבייט, וואָס אַלעס איז גענוי און פינקטליך אויסגערעכנט, אויף אַ משך פון פיעל יאָהרן, פאָריגע און שפּעטעריגע, האָבן מיר פיעלן נוטצן געבראַכט. די אַ׳ע אויבן אויסגערעכענטע פערלאַנגען וועלן דאָ לייכט און בעקוועם זייער אַנטוואָרט געפינען. עס איז זייער לייכט און פערשטענדליך געאָרדנעט, אַז יעדער איינער קען זיך מיט אונזער לוח בענוצן. ווען ער לעזט נאָר דורך די איינִיגע צייל׳ן, פאַר יעדער טאַבעלע, וואָס איז אויך אין אַ לייכטע און פערשטענדליכע שפּראַך אָנגעשריבן. אויסערדעם גלויבן מיר אַז אונזערע לעזער וועלן דאָ אויך אַנדערע ידיעות געפינען, וואָס פאַר מאַנכן פון זיי, וועט עס זיין נייעס אָדער אויפקלערונג.

מיר האָפן, אַז די אַלע וואָס וועלן פון אונזער לוח דעם געווינשטן נוצן האָבן, אָדער זיך בערייכערן מיט ידיעות און ערקלערונגען, וועלן אונז פאַר אונזער מיה און ארבייט — דאַנקבאַר זיין.

הערצליך בעטן מיר יעדן, ווער עס האָט אירגענדוועלכע קריטיק איבער אונזער אַרבייט, אין וועלכן פרט און מקצוע עס אויך איז, אונז דאַפון מודיע צו זיין, אַזוי אויך די ביטע צו אַלע אַרויסגעבער און פערלעגער פון צייטונגען און צייטשריפטן, וואו עס וועט זיך געפינען אין זייערע אויסגאַבעס, וועלכע עס איז קריטיק, הן לשבח והן לגנות, איבער אונזער ווערק, דעם בעטרעפענדן נומער אונז צוצושיקן. מיר וועלן די אַלעמען זעהר דאַנקבאַר זיין דאַפיר. און זעהן ביי אַ צווייטע אויפלאַגע, ווען מיר וועלן דאַצו זוכה זיין, די אַ״ע פעהלער ווי מעגליך צו פעריכטן, ווארום פעהלער איז דאָך געוויס דאָ, און עס מוז אויך זיין. און וועלן זייער נאָמען, מיט דאַנק, דערמאָהנען.

מיר בעטן אויך יעדן פערלעגער און בוכהענדלער, הן אין אונזער מדינה הן אין אַנדערע מדינות, זיי זאָ״ן ניט וועלן אויסנוצן אונזער מיה, אַרבייט און אויך גרויסע הוצאות און עס איבערדרוקן, הן אין אָריגינאַל שפּראַך הן אין איבערזעצונג, אָן אונזער רשות. דען לבד וואָס עס איז דאָ דאַרויף אַ איסור דאורייתא פון הסגת גבול, און אויך פערבאָטן פון יעדע רעגיערונג, איז עס אויך געגן יושר און גערעכטיגקייט. מיר גלויבן פעסט אַז שארית ישראל לא יעשו עו״ה. יעדער איינער קען דעם לוח ביי מיר צו ידער צייט קריגן, זאָל מען נאָר אַזויפיל פערלאַנגען. —

המסדר והמוציא לאור.

שקוד, סיון, תרפ״ז.

אונזער אַדרעסע:
Ch. A. Hovša, Skuodas Lithuanie.

דינים און מנהגים.

תשרי.

ראש השנה צו ליכט בענשן, מאַכט מען די ברכות להדליק נר של יום טוב און שהחינו, פאַר דאָס אנציינדן די ליכט. ניט ווי ערב שבת, וואָס מען צינדט אָן פאַר דער ברכה, ווייל נאָך דער ברכה טאָר מען שוין קיין מלאכה ניט טאָן. יום טוב אָבער איז דאָך מותר במלאכה זו — אין מעריב זאָגט מען ופרוש, תקעו. געפאַלט ראש השנה אום שבת זאָגט מען אויך ושמרו. אין אלע קדישים, ביז נאָך יום כפור זאָגט מען „לעילא לעילא מכל ברכתא" אין שמנה עשרה זאָגט מען זכרנו לחיים, מי כמך אב הרחמים, ובכן תן פחדך, המלך הקדוש. אויב מען האָט געזאגט די ברכה פון המלך הקדוש, פאַר ובכן תן פחדך, ברויך מען ניט איבער זאָגן ווען מען האַט געהאַט אַטעות און געזאָגט ווי אין דער וואָכן „הקל הקדוש", האָט מען זיך גלייך תוך כדי דבור דערמאָנט (אין דער צייט וואָס מען קען אויסרעדן די ווערטער: ש.ום עליך רבי) זאָל מען באַלד צוזאָגן „המ.ך הקדוש" האָט מען זיך דערמאָנט ערשט שפעטער ווי דער צייט, אָדער מען האָט שוין אָנגעפאַנגען זאָגן „אתה בחרתנו — מ:ז מען איבערדאַוונען פון אנפאַנג. אזוי אויך ווען עס איז אַ ספק ווי מען האָט געזאַגט — מוז מ:ן אויך איבערדאוו־נען. ווען מען ווייס אָבער געווים, אַז „ובכן תן פחדך" האָט מען יאַ געזאָגט, איז אַנצונעהמען, אַז אויך „המלך הקדוש" האָט מען געענדיגט, און מען ברויך ניט איבערדאַוונען. מען זאָגט „וכתוב לחיים טובים" און „בספר חיים", ווען מען האָט פערגעסן צו זאָגן זכרנו לחיים, מי כמך, וכתוב אָדער בספר חיים, ברויך מען ניט איבער דאַוונען. ווייטער דעם סדר פון די תפלות און קריאות געפינט מען אין מחזור וואָס יעדער איינע" מוז האַלטן פאַר זיך ביים דאַוונען. נאָך דער הפטרה בלאַזט מען שופר. איז ראש השנה אום שבת — בלאָזט מען ניט. — דעם ערשטן טאָג ראש השנה, געהט מען צו תשליך. געפאַלט דער ערשטער טאָג שבת, דאַן געהט מען צו תשליך דעם צווייטן טאָג. — מילך אָדער אייער פון ערשטן טאַג טאָר מען ניט ניצן ביז נאָך יום טוב, ווייל ביידע טעג ראש השנה רעכענען זיך ווי איין טאָג, איין קדושה, דעריבער איז נולדה בזה אסורה בזה. ווען ראש השנה איז דאָנערשטאָג און פרייטאָג טאָר מען ניט ניצן ביז מוצאי שבת ד"ה שבת־צו־גאכט ווייל אין יום טוב מכין לשבת. מיטוואָך ערב ראש השנה מאַכט מען עירוב תבשילין.

אין עשרת ימי תשובה זאָגט מען אין שמנה עש״ה אויך „המלך המשפט״ אויב מען האָט געענדיקט ווי אין וואָכנטאָג „מלך אוהב צדקה ומשפט״ אויב מען האָט זיך דערמאהנט תוך כדי דבור ווי אויבן שטעהט — זאָגט מען באַלד צו „המלך המשפט״ אויב שפּעטער ווי אין אַזאַ צייט, אָדער אויב עס איז אַ ספק ווי מען האָט געזאָגט, ברויך מען ניט איבער דאַווענען. גאַנץ עשרת ימי תשובה פאַר שחרית זאָגט מען סליחות, נאָך שמנה עשרה צו שחרית און צו מנחה, זאָגט מען אבינו מלכנו.

דעם שבת צווישן ראש השנה און יום כפּור, רופט מען שבת שובה, ווייל מען לייענט דאַן די הפטרה שובה ישראל. — אויף מאָרגן נאָך ראש השנה איז אַ תענית צבור, צום גרליה. מען פאַסט. דער שליח צבור זאָגט אין חזרת הש״ץ עננו, פאַר דער ברכה פון רפאנו. ווען ער האָט פערגעסן און זיך דערמאָהנט בעפאָר ער האָט געענדיגט די ברכה פון רפאנו זאָגט ער צוריק עננו און רפאנו: ווען ער האָט שוין אבער געזאָגט דעם שם פון דער ברכה רפאנו, דען זאָגט ער עננו צו שומע תפ.ה אָן אברכה צו ענדע. אין שחרית און מנחה לייענט מען ויחל משה. די וועלכע פאַסטן זאגן עננו אין שומע תפלה. שים שלום זאָגט מען אויך צו מנחה. דער שליח צבור ברכת כהנים אין חזרת הש״ץ ווען ראש השנה איז אום דאָנערשטאָג און פרייטאָג. ווערט צום גדליה נדחה אויף מארגן, זונטאָג.

ערב יום כפּור צו שחרית ווערט ניט געזאָגט מזמור לתודה, תחנון און למנצח אויך קיין אבינו מלכנו. ווען יום כפור איז שבת, דאַן זאָגט מען ערב יום כפור צו שחרית אבינו מלכנו. יום כפור זאָגט מען אבינו מלכנו נאָך יעדער שמנה עשרה. ווען יום כפור איז אום שבת, זאָגט מען אָבינו מלכנו נאָר נאָך נעילה.

צווישן יום כפּור און סכות, זאגט מען ניט קיין תחנון און קיין יהי רצון נאָך קריאת התורה. קל ארך אפים און למנצח זאָגט מען יאָ. אין יענע טעג טאָר מען ניט פאַסטן, אויסער אַתענית חלום, און אַחתן אין חופּה טאג, מעג מען פאַסטן —

יום טוב טאָר מען ניט קאָכן און אָנגרייטן פון איין טאָג אויף דעם צווייטן, ווען עס געפאַלט סכות און אזוי אויך אלע ימים טובים, דאָנערשטאָג און פרייטאָג מאַכט מען מיטוואָך ערב יום טוב, ערוב תבשילין, בכרי מען זאָל מעגן דעם צווייטן טאָג יום טוב קאכן און צוגרייטן צום עסן אויף שבת — מיכן אָדער אייער פון ערשטן טאָג יום טוב מעג מען ברויכן דעם צווייטן טאָג, פון צווייטן טאָג — ערשט נאָך יום טוב. ווען יום טוב איז דאָנערשטאָג און פרייטאָג מעג מען די מיכן און אייער פון פרייטאָג ברויכן ערשט מוצאי שבת, שבת צו נאַכט. געפאַלט יום טוב שבת און זונטאָג, מעג מען די מיכן

אין אייער פון שבת ערשט ברויכן מוצאי יום טוב זונטאָג ביי נאַכט. און אזוי אויב עס געפאַ׳ט יום טוב, ווי שבועות, פרייטאָג און שבת, די מי׳ד און אייער פון פרייטאָג מעג מען ערשט ברויכן נאָך יום טוב, שבת צו נאַכט. דען דער כלל איז, ניט יום טוב מעג אָנגרייטן צו שבת און ניט שבת צו יום טוב.

אַגאַנץ סכות זאָגט מען גאַנץ הלל די הושענות איז ביי אונז אין יעדן לוח אָנגעגעבן וועלכע מען זאָגט יעדן טאָג. חול המועד שחרית, מנחה און מעריב זאָגט מען יעלה ויבא. האָט ער פערגעסן, האָט נאָך צייט צו זאָגן פאַר מודים. האָט מען שוין אָנגעפאַנגען מודים, פאַנגט מען אָן צוריק פון רצה, האָט מען שוין געענדיקט שמנה עשרה, מוז מען די שמנה עשרה איבער דאַוונען אַפילו אין מעריב. ניט ווי ביי ראש חדש אַז צו מעריב ברויך מען דעריעבער ניט איבער דאַוונען, ווייל דאָרטן איז דער טעם: אין מקדשין החדש בלילה.

שבת חול המועד סכות לייענט מען פאַר קריאת התורה די מגלת קהלת. שמיני עצרת צו מוסף פאַנגט מען אָן זאַגן משיב הרוח. ביז צום מוסף פו. אַ דפסח. האָט מען פערגעסן זאַגן משיב הרוח, האָט מען זיך דערמאָהנט בעפאָר מען זאָגט דעם שם פון מחיה המתים, זאָגט מען וואו מען האַלט. האט מען זיך דערמאָנט ערשט נאָכדעם, מוז מען זאָגן פון אנפאנג שמנה עשרה. אויב עס איז אַ ספק, נאָך א חדש פון שמיני עצרת, דאָס איז נאָך 22 טעג אין חשון, נאָכדעם ווי מען האָט שוין גדאַוונט 90 תפ׳ות שמנה עשרה, האָט מען מסתמא יאַ געזאָגט און מען ברויך ניט איבער דאַוונען. פריהער אָבער ווי די צייט, האָט מען מסתמא ניט געזאָגט און מען מוז איבער דאַוונען. — שמיני עצרת איז מען מזכיר נשמות, און מען זאָגט אב הרחמים.

שבת בראשית בענשט מען ראש חדש מרחשון. אין די שבתים וואָס מען בענשט אין זיי ראָשי חדשים, זאָגט מען ניט אב הרחמים, אויסער אין די ספירה שבתים, זאָגט מען יאַ. צדקתך צדק צו מנחה, זאָגט מען יאַ. ווען ראש חדש איז זונטאָג זאָגט מען קיין צדקתך צדק צו מנחה. מען פאַנגט אָן זאָגן ברכי נפשי. ערב ראש חדש צו מנחה זאָגט מען קיין תחנון.

מרחשון

ראש חדש צו מעריב, שחרית און מנחה זאָגט מען יעלה ויבא אין רצה. האָט מען פערגעסן זאָגן, צו שחרית און מנחה, ברויך מען איבער דאַוונען שמנה עשרה. צו מעריב ניט, אפי׳ו דעם צווייטען אבענד ראש חדש, האלב הלל און מוסף. — דעם שבת וואָס נאָך ראש חדש מרחשון. מאַכט מען פאָר מוסף מי שבירך די וואָס פאַסטן בה״ב. מאָנטאָג, דאָנערשטאָג און מאָנטאָג פאַסט מען. מען זאָגט סליחות און אבינו מלכנו פאַר תחנון.

כסלו.

אין מעריב צום 60=סטען טאָג נאָך דער תקופת תשרי, פאַנגט מען אָן זאָגן טל ומטר. ד׳ה פון דער תקופה ביז דעם טאָג, דאַרף זיין צווישן, 58 טעג.

אין ארץ ישראל פאנגט מען אָן זאָגן טל ומטר אַלעמאָל 7 טעג אין מרחשון, אויב מען האָט פערגעסן, אָדער אויב עס איז אַ ספק, ביז דער צייט וואָס מען האָט שוין געדאַוונט 90 וואָכעדיקע תפילות, זאָגט מען טל ומטר אין שומע תפילה, האָט מען אויך דאָרטן פערגעסן, פאַנגט מען צוריק פון ברך עלינו. האָט מען שוין געענדיגט שמנה עשרה, מוז מען איבער דאַוונען. איז דער ספק, נאָך דער צייט ווען מען האָט שוין געדאַוונט 90 וואָכעדיגע תפילות מיט טל ומטר, מסתמא האָט מען יא געזאָגט, און מען ברויך ניט איבער דאַוונען. 24 טעג אין כסלו איז ערב חנכה. צו מנחה זאָגט מען קיין תחנון. צו מעריב און אַגאַנץ חנכה, אין אַלע תפלות שמנה עשרה, זאָגט מען על הנסים. האָט מען פערגעסן און זיך דערמאָהנט, בעפאָר מען האָט געזאָגט דעם שם פון דער ברכה הטוב שמך, פאַנגט מען אָן צוריק על הנסים, האָט מען שוין געענדיגט די ברכה ברויך מען ניט איבער זאָגן. חנכה זאָגט מען ניט קיין תחנון, קיין קל ארך אפים, קיין יהי רצון נאָך קריאת התורה און קיין למנצח. מען זאָגט גאַנץ הלל. פרייטאָג ערב שבת חנכה בענשט מען פריהער חנכה ליכט, נאָכדעם נרות של שבת. שבת צו נאַכט בענשט מען חנכה ליכט פאַר הבדלה. אַגאַנץ חנכה פאַסט מען ניט אויסער אַ תענית חלום, וואָס מען מוז דאַפיר נאָך חנכה אָבפאַסטן נאָך אַטאָג.

טבת.

עשרה בטבת אַ תענית צבור מען פאַסט, מען זאָגט סליחות און מען לייענט ויחל, עננו, אין שמנה עשרה. ווי אין אַלע תעניתים. אין חזרת הש״ץ ברכת כהנים. שים שלום. און אבינו מלכנו אויך צו מנחה.

שבט.

דעם 14 טאָג אין שבט צו מנחה, און דעם גאַנצן 15 טאָג קיין תחנון. אום חמשה עשר בשבט פאַסט מען ניט, אפילו אַ חתן ביום החופה אויך ניט. אויסער אַ תענית חלום. געפאַלט חמשה עשר אום שבת, זאָגט מען קיין אב הרחמים און קיין צדקתך צדק, מען עסט פרוכט דעם טאָג, ווייל עס איז ראש השנה לאילנות.

אדר.

דער 13־טער טאָג אין אדר איז אַ תענית צבור, תענית אסתר, מען פאַסט, סליחות, מען לייענט ויחל משה. צו מנחה זאָגט מען קיין אבינו מלכנו און קיין תחנון. ווייל עס איז ערב פורים, געפאַלט פורים זונטאָג, ווערט אסתר תענית נדחה צום פאָריגן דאָנערשטאָג, דאַן זאָגט מען יאָ אבינו מלכנו און תחנון, דער 14־טער טאָג אין אדר איז פורים, אין שמנה עשרה זאָגט מען על הנסים, האָט מען פערגעסן, איז דער דין ווי ביי חנכה. צו מעריב נאָך שמנה עשרה זאָגט מען קדיש תתקבל, מען לייענט מגלת אסתר, קדיש אָן תתקבל. פורים זאָגט מען קיין תחנון און קיין למנצח. און אַזוי אויך שושן פורים

ניט. אין איין עיבור=יאָהר זאָגט מען דאָס אַלעס, אין דיעזעלבע טעג אויך אין אדר ראשון, ניט. אין די ארבע פרשיות, שק״ים, זכור, פרה און חדש זאָגט מען קיין אב הרחמים.

ניסן.

דעם גאַנצן חדש זאָגט מען קיין תחנון, קיין יהי רצון נאָך קריאת התורה. מען מאַכט קיין הזכרת נשמות, קיין אב הרחמים. און קיין צדקתך צדק, קל ארך אפים און למנצח זאָגט מען יאָ. אין דעם גאַנצן חדש טאָר מען ניט פאַסטן, אויסער אַ תענית ח״ום. אָדער אַ חתן ביום חופתו. און די בכורים אום ערב פסח, — נאָך מעריב צום 14=טען טאָג אין ניסן, איז מען בודק חמץ לאור הנר. דעם שבת פאַר פסח, רופט מען שבת הגדול, די ערשטע צוויי טעג פסח זאָגט מען צום דאַווענען גאַנץ הלל, די איבעריגע טעג האַלב הלל, דעם ערשטן טאָג פסח צו מנחה הערט מען אויף זאָגן משיב הרוח. האָט מען יאָ געזאָגט, ברויך מען איבער דאַווענען. אויב עס איז אַ ספק, איז דער דין, ווי ווען מען האָט ניט געזאָגט, בעת מען ברויך יאָ זאָגן. (זעה אויבן ביי שמיני עצרת.) שבת חול המועד פסח לייענט מען פאַר קריאת התורה מגילת שיר השירים. דעם ערשטן אָוועגד חול המועד, הערט מען אויף זאָגן טל ומטר. האָט מען יאָ געזאָגט — פאַנגט מען אָן צוריק פון ברך עלינו. האָט מען שוין געענדיגט שמנה עשרה ברויך מען איבער דאַווענען. איז אַ ספק — האָט מען שוין געדאַווענט וואָכעדיגע 90 תפילות שמנה עשרה אָן טל ומטר, ברויך מען ניט איבערדאַווענען, פאַר דער צייט ברויך מען אויך איבער אַ ספק איבער דאַווענען. פון דעם צווייטן אָוועגד פסח, פאַנגט מען אָן צעהלן ספירה נאָך מעריב, ביז שבועות, האָט מען פאַרגעסן, צעהלט מען מאָרגן ביי טאָג, אָן אַברכה, האָט מען זיך דערמאָהנט ערשט איף מאָרגן ביינאַכט, צעהלט מען שוין וויטער די גאַנצע צייט אָן אַ ברכה. אויב עס איז אַ ספק — צעהלט מען מיט אַ ברכה. דעם שבת פאַר ראש חדש אייר, בענשט מען ראש חדש, מען זאָגט אב הרחמים, קיין צדקתך צדק ניט, ווייל עס איז נאָך חדש ניסן. פון דעם שבת נאָך פסח, פאַנגט מען אָן זאָגן פרקי אבות. יעדן שבת אַ פרק. ווי אין יעדן לוח איז אָנגעגעבן.

אייר.

דער 18=טער טאָג אין אייר איז ל״ג בעומר, מען זאָגט ניט קיין תחנון קיין למנצח, אויך צו מנחה פריהער, דעם 17=טן אייר, קיין תחנון צו מנחה, שבת נאָך ראש חדש מאַכט מען מי שבירך וואס פאַסטן בה״ב (זעה אין חשון). שבת פאַר ראש חדש סיון בענשט מען ראש חדש, מען זאָגט אב הרחמים.

סיון.

ביז אסרו חג שבועות זאָגט מען קיין תחנון, קיין יהי רצון נאָך קריאת התורה. קל ארך אפים און למנצח זאָגט מען יאָ. שבועות זאָגט מען גאַנץ הלל. דעם צווייטן טאָג שבועות לייענט מען מגילת רות.

תמוז

17 טעג אין תמוז איז א תענית צבור, מען איז זיך נוהג ווי אין אלע תעניתים. פון דאן פאנגן זיך אן די 3 וואכן, ביז תשעה באב. מען מאכט ניט אין זיי קיין חופה, מען שערט ניט די האר, נעגל אפשניידן פרייטאג לכבוד שבת מעג מען יא.

אב

פון ראש חדש ביז נאך תשעה באב טאר מען זיך ניט וואשן דעם גאנצן קערפער, לשם תענוג, אפילו אין קאלטע וואסער. מען טאר ניט בעשטעלן אדער קויפן נייע קליידער. אויך ניט געבן וואשן, אפילו צו ברויכן נאך תשעה באב. מען טאר ניט עסן קיין פלייש אדער טרינקען וויין, נאר שבת אדער ביי א סעודת מצוה, מעג מען.

דעם שבת פאר תשעה באב רופט מען שבת חזון, ווייל מען לייענט די הפטרה פון חזון ישעיהו. געפאלט ערב תשעה באב שבת מעג מען אפילו פערפאסטן מיט פלייש און וויין לכבוד שבת. תשעה באב צו מעריב טוט מען אוים די שיך פאר ברכו. געפאלט תשעה באב אום שבת צו נאכט, טוט מען אוים נאך ברכו. נאך מעריב קדיש תתקבל, מען זעצט זיך אויף דער ערד, מען לייענט מגילת איכה, מען זאגט קינות. ואתה קדוש, קדיש אן תתקבל, עלינו, קדיש יתום.

שחרית דאוונט מען אן טלית און תפילין, דער ש"צ ענו פאר רפאנו. קיין ברכת כהנים, קיין אבינו מלכנו, קיין תחנון און קיין למנצח. קריאת התורה, הפטרה, קינות, אשרי ובא לציון, איכה. דעם פסוק ואני זאת בריתי הופט מען איבער אין ובא לציון. קדיש אן תתקבל, ביז האלבן טאג טוט מען קיינע ארבייט מען זיצט ניט אויף קיין שטול. דעם גאנצן טאג טאר מען קיין לעדערנע שיך ניט אנטאן.

צו מנחה לעגט מען טלית ותפילין מיט ברכות. מען לייענט ויחל. אין שמנה עשרה זאגט מען נחם, אין דער ברכה ולירושלים. האט מען דארטן פערגעסן, זאגט מען אין שומע תפלה נאך עננו. האט מען אויך דארטן פער־געסן, זאגט מען פאר ועל כולם, אדער אויך פאר יהיו לרצון. איז מען אוים־געשטאנען שמנה עשרה ברויך מען ניט איבער דאוונען. נאך מנחה, קדיש תתקבל. קיין תחנון. דעם שבת נאך תשעה באב רופט מען שבת נחמו איבער די הפטרה נחמו נחמו עמי. חמשה עשר באב זאגט מען קיין תחנון, אויך ניט צו מנחה פריהער.

אלול

פון צווייטן טאג ראש חדש, בלאזט מען יעדן טאג שופר נאך שחרית ביז ערב ראש השנה. לדוד אורי. אין יעדן לוח איז אנגעגעבן, פון וועלכן טאג

מען פאנגט אן זאגן סליחות פארן דאווענען. ערב ראש השנה זאגט מען אויך תחנון אין סליחות, אבער ניט צו שחרית. געפאלט ראש השנה דאנערשטאג און פרייטאג, מאכט מען ערב ראש השנה ערוב תבשילין. מען געהט טבילה לכבוד דעם יום הדין. און מען געהט בקדושה ובטהרה אין שול אריין, בעטן בײם אב הרחמן אבינו שבשמים. א שנת חיים ושלום בריאות ופרנסה מלא חפנים, א שנת גאולה שלמה וקבוץ גליות מכל אפסים, און ער זאל אונז ברײנגען במהרה בימינו לעיר קדשו ירושלים אמן.

איינלייטונג.

אום יעדן מיט אונזער אידישן צייטרעכענונג אַביסל בעקאַנט צו מאַכן, געפינען מיר פאַר נייטיג די קורצע איינלייטונג צו שרייבן, אָבער נאָר אַזויפיעל, וויפיעל עס איז דורכאויס נייטיג, אום אַ בעגריף צו האָבן אין די חשבונות פון דעם אידישן לוח. דען איבערצוגעבן דעם גאַנצן און גענויען רעכענונג פון אונזער עבור החדש והשנה, איז קיין דער פלאַץ אין אַ הקדמה, דאַצו פאָדערט זיך פיעלמעהר אַבעזונדער ספר. און אַזעלכע איז אויך דאָ ניט וועניג. און עס איז אויך ניט וויכטיג פאַר דעמיעניגן, וואָס ווי, נאָר דעם נוצן האָבן וועלכן מען קען און מען דאַרף פון אַ לוח פערלאַנגען. דען אַ לוח איז דאָך שלימליך ניט קיין ספר למודי נאָר אַ ספר שמושי. דער וואָס האָט דאַצו אינטערעס, און וויל די אַלע ידיעות וויסן גרינדלעכער און גענויער וועט ער עס געפינען אין ספרים, וואָס זייען ספעציעל דאַצו פערפאַסט געוואָרן.

אַלעמען איז בעוואוסט, אַז מיר אידן צעהלן אונזערע חדשים, און ממילא אויך די ימים טובים, נאָך דער לבנה. וויל ביי דער ערשטן מצוה אין דער תורה, ביי דער מצוה פון הקרבת הפסח, געפינען מיר די ווערטער „החדש הזה לכם ראש חדשים" (שמות י"ב, ב׳) „חדש" הייסט אין לשון הקודש „בענייען" און דאָס בענייען זיך געפינען מיר נאָר ביי דער לבנה, וועלכע אין יעדן חדש בענייעט זיך איהר ליכטיגקייט, וואָס ווערט מיט יעדן טאָג, אין דעם ערשטן האַלבן חדש, אַלץ גרעסער און ליכטיגער, און אין דעם אַנדערן האַלבן חדש מיט יעדן טאָג אַלץ קלענער און פינסטערער, ביז צום ענדע חדש, ווערט זי אין גאַנצן פינסטער און מיר זעהן איהר גאָרניט. און אַזוי איז יעדן חדש פון ששת ימי בראשית אָן. די זון אָבער, נאָך וועלכער די אַנדערע פעלקער צעהלן זייערע מאָנאַטן און יאָהרן-בענייעט זיך קיינמאָל ניט, ווי זי איז בעשאַפן געוואָרן האָט זי דיזעלבע גרויס און ליכטיגקייט ביז היינט. אָהנע וועלכע ענדערונג. איז ווען די תורה רופט אָן אַ מאָנאַט מיט דעם נאָמען „חדש" פערשטעהן מיר, אַז מיר האָבן צו צעהלן חדשים און ימים טובים נאָך דער לבנה, וואָס בענייעט זיך יעדן חדש, און אַזוי האָבן מיר אויך בקבלה, איש מפי איש, ביז מתן תורה, דאַרום רופן זיך אין לשון הקודש מאָנאַט, מאָנאַטן, חדש, חדשים, אָדער גאָר ירח, ירחים, וואָס ווערט דירעקט גערופן נאָך דער לבנה, וועלכע האָט אין לשון הקודש דעמזעלבן נאָמען. פאַרוואָס די לבנה ענדערט מיט יעדן טאָג און מאָנאַט איהר ליכטיגקייט, און שטעהט ניט ווי די זון, שטענדיג אויף איין שטאַנד, דאָס איז שוין קיין נפקא מינה ניט, און האָט ניט צו אונזער לוח. נאָר קורץ איז די אורזאַך דאָס: די לבנה איז אויך ווי אונזער ערד, בעצם אַ פינסטערער קערפער, און האָט קיין אייגענע ליכטיגקייט ניט. נאָר מיט די ליכטיגקייט וואָס די זונען שטראַהלן

בעלייכטען איהר, בעלייכטעט זי מיט א בלאסע ליכט אונזער ערד, ווי די ליכטיגקייט וואס קומט פון א שפיעגל וואס הענגט געגן א ליכט. און אזוי ווי די לבנה, וועלכע בעגלייט אונזער ערד אין איהר יעהרליכן קרייז ארום דער זון, צוזאמען מיט נאך פלאנעטן, ווי עס וועט אין אנ׳אנדער ארט פון אונזער ספר ערקלערט ווערן, שטעהט ניט קעגן דער זון אין יעדן טאג גלייך. ממי׳א מוז זיך אויך ענדערן די ליכטיגקייט וואס מיר זעהן אויף איהר.

וואס ווייטער די לבנה שטעהט פון דער זון, זעהן מיר איהר אלץ ליכטיגער, וואס נעהנטער זי קומט צו דער זון — קלענער, אין דער צייט פון פארן מו״ד שטעהט די לבנה גראד אונטער דער זון, דאן זעהן מיר איהר גארניט, דען די זון בעלייכטעט דאן נאר די אויבערשטע האלבע זייט וואס איז צו איהר געווענדעט, די זייט וועלכע איז צו דער ערד געווענדעט בלייבט פינסטער. קרוב צו א מעת לעת, 24 שעה, זעהן מיר די לבנה גאר־ניט *) וויל דאן קומט אוים איהר קרייז גראד אונטער דער זון. נאכדעם פאנגט זי אן ארוים צו געהן פון אונטער דער זון, און דאן זעהן מיר אויף איהר די ערשטע זוגען שטראהלן ווי א גאנץ דינער בויגן. דאס הייסט מולד, די נייע געבורט פון איהר ליכטיגקייט. אין יענע צייט זעהט זיך די לבנה אין ווינקל דרומית מערבית, גאנץ אונטן ביים אופק, דאס הייסט ביים ברעג הימעל אין אונזערע אויגן. אונגעפעהר א שעה צייט. נאכדעם געהט זי אונטער. און מיט יעדן טאג ווערט זי מיט $^1/_{15}$ ליכטיגער און געהט אויף מיט 48 מינוטן פריהער. א וואך נאך דעם מולד ווערט שוין א העלפט פון דער זייט וועלכע איז צו אונז געווענדעט, בעלייכטעט פון דער זון, און נאך 6 שעה געהט זי אונטער. נאך א האלבן חדש פון מולד, ווערט זי שוין אין גאנצן בעלייכטעט. געהט אויף פון אווענד אין מזרח, און נאך 12 שעה געהט זי אונטער אין מערב. נאך האלבן חדש מאכט זי דעמזעלבן מהלך צוריק. מיט יעדן טאג ווערט זי $^1/_{15}$ קלענער, מיט 48 מינוטן געהט זי אויף שפעטער, ביז צום ענדע חדש געהט זי אויף, ווי א גאנץ דינער בויגן, פאר זונען אויפגאנג, די זון געהט אויף, און די לבנה זעהן מיר מעהר ניט. און אזוי איז איהר מהלך יעדן חדש.

פון אונזערע חכמים האבן מיר בקבלה, איש מפי איש, אז פון איין מולד ביז צום צווייטן דויערט, 29 טעג 12 שעה מיט $^{793}/_{1080}$ חלקים פון א שעה

---

*) ראש השנה כ׳ ע״ב׳ ועיין בפירוש רבנו עובדיה להלכות קדוש החדש פ״ז, בשם הרמב״ם ובלקוטים יקרים מהרב החכם רח״ז סלאנימסקי הנספחים להרמב״ם דפוס ווארשא׳ ובמאמרו של החכם הנ״ל בהאסיף תרמ״ו׳ בפירושו של הגמרא הנ״ל׳ וכן בדבר ההבדל שיש בין המולד האמתי להאמצעי׳ וכמובן לא פה המקום להאריך׳ כמו כן יעויין מאמריו הנפלאים של התוכן ח״י בארנשטיין׳ בספרי התקופה השוגים׳ ובספריו׳

דאָס מאַכט אויס 1 טאָג, ווייל 29 טעג איז 4 וואָכן מיט אַ טאָג, 12 שעה,
44 מינוט 1 חלק. דען 18 חלקים קומט אויס גלייך 1 מינוט. 793 חלקים
מאַכט אויס 44 מינוט 1 חלק, אַ־זאָ ווען מיר ווייסן ווען דער פאָריגער מולד
איז געווען, קענען מיר לייכט וויסן, ווען דער נעכסטער מולד וועט זיין, אינ=
דעם מיר לעגן צו יענעם מולד צו 1 טאָג, 12 שעה, 44 מינוט 1 חלק.
יעדער קען נעהמען אַ לוח און זיך איבערצייגן.

לויט דעם חשבון, דאַ־ף יעדער חדש האָבן 29 טעג. עס בלייבט דאָך
אָבער פון יעדן חדש נאָך איבער 12 שעה, וועלכע אין די 12 חדשים פון
יאָהר, קומט צוזאַמען גאַנצע 6 מעת לעת, מאַכט מען דעריבער אין אַ יאָהר
6 חדשים מלאים, פולע צו 30 טעג אין יעדן. און ווען פון די נאָך איבער=
געבליבענע 44 מינוט מיט 1 חלק פון יעדן חדש, קלייבן זיך צוזאַמען גאַנצע
24 שעה, דאַן מאַכט מען נאָך אַ חדש, אַ זיבענטן, אַ מלא. דאַגעגן אָבער,
אום אַז ראש השנה זאל ניט אויסקומען אין אַזאַ טאָג, אין וועלכן ראש השנה דאַרף
ניט זיין, צוליעב די טעמים פון גמרא. (ראש השנה כ׳,) און צוליעב אנדערע
טעמים, מאַכט מען מאַנכעס יאָהר, נאָר 5 חדשים מלאים, צו 30 טעג. און
7 חסרים, צו 29 טעג. די חדשים: תשרי, שבט, אדר ראשון, ניסן, סיון און
אב, זייען אַלעמאָל מלאים, צו 30 טעג. די חדשים: טבת, אדר, אייר, תמוז,
און אלול, זייען אַלעמאָל חסרים צו 29 טעג. חשון און כסלו, זייען אַמאָל ביי=
דע מלאים, דאַן הייסט דאָס יאָהר אַ מלאָה: אַ פולעס. אַמאָלביידע חסרים,
דאַן הייסט דאָס יאָהר חסרה: אַ פעהלענדעס, און אַמאָל איז חשון חסר און
כסלו מלא, דאַן הייסט דאָס יאָהר כסדרה, ווי איהר אָרדנונג. אַ חדש אום
אַ חדש, חסר און מלא. מען האָט דאַצו בעשטימט די חדשים חשון און כסלו,
ווייל זיי זייען גלייך אין אָנפאַנג יאָהר, און ביז פסח וועט שוין אַלע אידן באַ=
וואוסט זיין די קביעות פון דעם יאהר, און מען וועט ניט, ח״ו, נכשל ווערן
אין איסור חמץ בפסח. מיר גלויבן, אַז דער חשבון איז פאַר אַלעמען קלאָר
און פערשטענדליך, און וואָלט אויך אונז גענוג געווען, ווען מיר וואָלטן אונ=
זערע ימים טובים געקענט רעכענען נ אָ ר נאָך דעם מהלך הלבנה אַליין.
עס איז אָבער ניט אַזוי, מיר האָבן נאָך אַ צווי אין דער תורה „שמור את
חדש האביב ועשית פסח״. ביי שבועות געפינען מיר די ווערטער „וביום
הבכורים״, און אַזוי אויך ביי סכות „חג האָסיף באספך את מעשיך מן השדה״
דאָס הייסט, אַז פסח מוז אויסקומען פריהלינגסצייט. שבועות=ווען אין ארץ=
ישראל ווערט צייטיג ווייץ צום שניידן, און סכות — ווען אַלע ערד געוויקסע
ווערן איינגעזאַמלט פון פעלד. די יאָהרעס=צייטן, ווי די גאַנצע וויטערונג און
אַקלים, ענדערן זיך אָבער נאָר דורך דער זון, ווי עס וועט ברייטער אין
אַנ־אַנדער אָרט פון דעם ספר ערקלערט ווערן. דען נאָר די זון לייכטעט,
וואַרעמט און ענטוויקעלט די גאַנצע נאַטור. דאָס זונען=יאָהר, דאָס הייסט די

צייט ווען די ערד מאַכט דורך איהר מהלך אַרום דער זון, איז מיט 10 טעג 21 שעה און 204 ח׳קים לענגער אַלס דאָס לבנה=יאָהר. דען דאָס לבנה=יאָהר רעכענענדיג 12 מאָל 29 טעג 12 שעה, 44 מינוט מיט 1 חלק, מאַכט 354 טעג. 8 שעה, 876 חלקים, און דאָס זונען יאָהר האַלט 365 טעג און מיט עטוואס וועניגער אַלס 6 שעה. אַלזאָ באַלד מיט גאַנצע 11 טעג, וואָס אין אַ משך פון 3 יאָהר ווערט דאַפון מעהר אַלס אַ חדש. איז ווען מיר זאָ׳ן אונזערע ימים טובים רעכענען נאָר נאָך דאָס לבנה=יאָהר, ווערן זיי זיך מיט יעדעס יאָהר פערשיעבן אין 11 טעג קעגן דאָס זונען=יאָהר, זאָ קען אין אַ משך פון יאָהרן אויסקומען פסח אין הערבסט און סכות אין פריהלינג נ ט ווי די תורה פאָדערט. אום דאָס צו פערהיטן ווערט אין דעם יאָהר, אין ווערכן די 11 טעג האָבן זיך צוזאַמען געקליבן צו אַ גאַנצן חדש, געמאַכט אַ עבור. מיט אַ חדש מעהר ניט. 12 נאָר 13 חדשים. דאַצו האָט מען אויסגעקליבן דעם חדש פאַר ניסן און מען מאַכט אַ אדר שני. ערשטענס, ווייל אין תנ״ך (דברי הימים ב׳, ל׳, ב׳.) געפינען מיר שוין, אַז חזקיהו המ׳ך האָט געמאַכט אַ אדר שני (פסחים נ״ו.) און אויך ווייל דאַן איז שוין נאָהענט צו פריהלינג, און אַלע זעהן איין, אַז מען מוז מאַכן אַ עבור (סנהדרין י״א).

אום צו בעשטימען אַ צאָל יאָהרן, וואָס מען זאָל אין זיי מאַכן אַ געוויסע צאָהל עבורים, און דאַן וועט זיין אויסגעגליכן כמעט דאָס לבנה=יאָהר מיט דעם זונען-יאָהר האָט מען געפונען דעם צאָהל 19. דאָס הייסט, מען האָט אויסגערעכנט, ווען מען זאָל מאַכן אין 19 יאָהר, 7 עבור יאָהרן, דאַן וועלן זיך די ביידע יאָהרן כמעט פערגלייכן. און אונזערע ימים טובים ווערן אויס–קומען אין די צייטן, וואָס די תורה פערלאַנגט. פסח אין חדש האביב. און סכות אין עת האסיף. און אַזוי איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אין יעדע 19 יאָהר, וואָס ווערט גערופן מחזור קטן, ווייל עס ווידערהוילט זיך יעדע 19 יאָהר, חוזר חלילה. ווערט געמאַכט 7 עבורים. דאָס 3, 6. 8. 11. 14, 17. און 19. אין יענע יאָהרן קלייבען זיך צוזאַמען פון די 11 טעג, וואָס דאָס זונען=יאָהר איז גרעסער פאַר דאָס לבנה=יאָהר, צו אַ גאַנצן חדש.

דאָס ריכטיגע זונע=יאָהר איז, ווי רב אדא האָט אויסגערעכענט, 365 טעג, 5 שעה, 997 חלקים מיט $^{48}/_{76}$ חלק. נאָך דעם רעכענונג, גלייכן זיך אין אַ מחזור קטן, די ביידע יאָהרן, פאָלשטענדיג אויס. נאָר אפילו אויך נאָכן חשבון פון מר שמואל אין גמרא, (עירובין נ״ו,) וואָס צוליעב בעקוועמליכקייט, ווייל עס לאָזט זיך טיילן גראַד, האָט מען זיין חשבון אָנגענומען, ביי פערשיע–דענע חשבונות. בלייבט אויך נאָך יעדן מחזור קטן נאָר 1 שעה מיט 485 חלקים איבער, וואָס האָט אין משך פון 19 יאָהר אַקליינע בעדייטונג.

וואָס הייסט מחזור גדול? אום דאָס צו פערשטיין, ברויך מאַן פריהער ווישן וואָס תקופה הייסט. אין אַ צווייטן אָרט פון דעם ספר, איז גענויער בע–

שריעבן וואָס הייסט אַרבע תקופות השנה. דאָ וועלן מיר נאָר עטוואָס ערקלערן, וויפיעל נייטיג איז צו פערשטיין מחזור גדול. תקופה הייסט „קרייז“ דער יעהרליכער קרייז וואָס די ערד מאַכט ארום דער זון, און וואָס דורכדעם ענשטעהן די 4 פערשיעדענע יאָהרעס-צייטן, פריהלינג, זומער, הערבּסט און ווינטער. און אַזוי ווי מיר וויסן די צאָהל טעג פון אַ זונען יאָהר, טיילט מען זיי אין 4 גלייכע טיילן, יעדער טייל הייסט אַ תקופה. ווי געזאָגט, ריכטיגער איז רב אַדאַ'ס חשבון, צוליבּ בּעקוועמליכקייט אין טיילן — האָט מען דאַבּיי אָנגענומען מר שמואלס חשבון. דען שליסליך איז דער אונטערשיעד דאָך אין ניט פיעל. אַלזאַ 365 טעג 6 שעה געטיילט דורך 4 מאַכט אוים 91 טעג $7\frac{1}{2}$ שעה אַ תקופה. 91 טעג איז גראַד 13 וואָכן, בּלייבּט איבּער $7\frac{1}{2}$ שעה וואָס דאַמיט ערווייטערט זיך איין תקופה פון דער פאָריגער. ווען איך וויים די צייט פון איין תקופה, קען איך לייכט בּערעכענען ווען די פאָלגענדע תקופות וועלן אויסקומען, אינדעם איך לעג צו יעדע פון זיי צו $7\frac{1}{2}$ שעה. אין אַ יאָהר אַרום פאַלט די זעלבּע תקופה מיט 30 שעה שפּעטער, ווי זי איז אויסגעקומען אין פאָריגעם יאָהר. נאָך 4 יאָהר קומט זי אוים אין דערזעלבּן שעה, אָבּער ניט אימזעלבּן טאָג. ע"שט נאָך 28 יאָהר, קומען אוים די תקופות אין דיזעלבּע שעות און טעג ווי דעם יאָהר, און אַזוי יעדע 28 יאָהר חזרן זיך איבּער די תקופות אין דערזעלבּן צייט. און דאָס הייסט מחזור גדול. אום צו אונטערשיידן פון מחזור קטן וואָס האָט דעם צוועק צו פערגלייכן די צוויי פערשיעדענע יאָהרן, דאָס זונען-יאָהר מיט דעם לבנה-יאָהר. ווי אויבּן איז ערקלערט געוואָרן, תקופת תשרי קען פאַלן נאָר אוהר 3 אָדער 9, בּיי טאָג אָדער בּיי נאַכט. טבת — $4\frac{1}{2}$ אָדער $10\frac{1}{2}$, ניסן — 6 אָדער 12, תמוז — $1\frac{1}{2}$ אָדער $7\frac{1}{2}$.

צו וויסן די צייטן פון די תקופות האָט דעם צוועק, ערשטענס צו בּעשטימען אויב דאָס יאָהר בּרויך זיין איין עבּור, דען אויבּ די ריכטיגע תקופה פאַלט אוים נאָך דעם 16 טאָג אין ניסן, מאַכט מען אַ עבּור-יאָהר. צווייטענס צוליעבּ „טל ומטר“. וואָס דאַרף זיין 60 טעג נאָך דער תקופת תשרי. דאָס הייסט אַז צווישן דעם טאָג פון דער תקופה אין דעם טאָג ווען מען פאַנגט אָן זאָגן טל ומטר בּרויך זיין 58 טעג. אַזוי אַז 2 וואָכן-טעג איז צווישן דעם וואָכן-טאָג פון דער תקופה, און דעם וואָכן-טאָג פון דער שאלה טל ומטר. אויבּ, למשל, די תקופה איז געוועזן אין אַ דינסטאָג, קומט אוים טל ומטר אין אַ פרייטאָג, 2 וואָכן-טעג צווישן, אין טעג פון מאָנאַט איז דער חשבּון אַזוי, איז דאָס יאָהר אַ פעהלענדעס, אָדער לויט אָרדנונג, דאָס הייסט, איז חשון און כסלו בּיידע פעהלענדע צו 29 טעג, אָדער איז חשון חסר 29 טעג און כסלו 30, דען קומט אוים די שאלה, פונקט אַזוי פיעל טעג אין כסלו, וויפיעל די תקופה אין תשרי. איז דאָס יאָהר אַ גאַנצעס, ד"ה, אַז חשון און כסלו בּיידע

פולע הדשים צו 30 טעג, דאן קומט אוים די שאלה מיט א טאג אין כסלו ווענינער ווי די תקופה אין תשרי. געוועהנליך פאנגט מען אן זאגן טל ומטר לויט זייער דאטום, דעם 5-טען דעצעמבער*) דריטענס ברויך מען וויסן די תקופה צוליעב, די ברכת החמה. לויט דעם דין פון גמרא, (ברכות נ״ט). ברויך מאן צו מאכן א ברכה אויף דער זון, ווען זי קומט אוים אויף איהר ארט, אין דערזעלבן צייט ווען זי איז בעשאפן געווארן, אין דער תורה איז געזאגט אז די זון איז בעשאפן געווארן מיטוואך, דארין האלטן מיר ווי ר׳ יהושע, אז די וועלט איז בעשאפן געווארן אין ניסן, אלזא ווען די תקופת ניסן קומט אוים דינסטאג אוועגד 6 אוהר, די ערשטע שעה פון מיטוואך, מאכט מען מיטוואך פריה א ברכה אויף דער זון בצבור מיט פאראד, דארויף איז שון דא בע-שטימטע קאפיטלן און אנוסח הברכה צו זאגן. און דאס ווידערהוילט זיך, ווי געזאגט, מיט יעדע 28 יאהר. און לעצטענס, איז דא געוויסע אזהרות אין ספרים צו לעגן אייזן אויף וואסער אין די כלים פון שטוב און נאך אנדערע סגולות, נאר ווייל די תקופות, וועלכע מיר רעכענען, זייען ניט די פינקטליכע, און מיר זעהן אז דער עולם איז זיך אין דעם ניט נזהר. און ב״ה, עס פאסירט חלילה קיין אונגליק. שומר פתאים ד״.

ווי שוין אויבן דערמאהנט, רעכענט זיך דער מעת לעת, פון 6 אוהר אווענד, ביז אף מארגן 6 אוהר אווענד. און עס ווערט ניט געאכטעט, וואס זומער איז נאך דאן טאג, אדער ווינטער איז שוין נאכט פריהער. דאס איז אבער נאר צום חשבון מולדות ותקופות, צו אלע דינים אבער וואס זייען נוגע צו קריאת שמע ותפילה, צו דיני שבת וימים טובים, רעכענט זיך טאג פון עלות השחר און נאכט פון צאת הכוכבים, יעדע זאך נאך זיין דין יעדער ארט נאך זיין אופק. עס איז אויך לייכט צו פערשטיין, אז די מולדות ותקופות קענען ניט אויסקומען אין אלע ערטער גלייך אין איין צייט. מיר רעכענען לויט, ווי עס קומט אוים אין ארץ ישראל.

דעם לוח האבן מיר לויט מעגליכקייט, קלאר און דייטליך געארדנעט, אז יעדער איינער זאל זיך קענען מיט אים בענוצן. אין בעזונדערע עמודים האבן מיר געשטעלט א לוח-השנים, א יאהרן-טאבעלע, וואו עס שטעהן די אלע יאה־ן, פון דאס ערשטע יאהר פון אלף הששי, ביז צום לעצטן, כסדר איין יאהר נאך דאס אנדערע, נעבן יעדעם יאהר שטעהט א ציפער: וואס ווייזט אן, לויט וועלכן לוח יעדעם יאהר רעכענט זיך, און אין יענעם לוח וועט ער אלעם געפינען גענוי ווי אין אלע יעהרליכע לוחות.

מיר ווילן זיך ניט נעהמען דעם נאמען „מחבר״, דען מיר האבן קיינע נייעס געזאגט, נאר „מסדר״, דאס וואס ניט אלע וויסן און פערשטעהן, האבן מיר עס לייכט און פערשטענדליך געמאכט פאר אלען. יעדער איינער קען דא

*) וסימנך: ז״ה ה׳ השאלה, 5 טעג אין 12־טען מאנאט איז די שאלה.

וויסן און געפינען וועלכע קביעות יעדעס יאָהר פון גאַנצן אלף הששי האָט געהאַט און וועט האָבן, און דאָס קען אַמאָל יעדן מענשן אויך נוצן ברענגען. מולדות, תקופות און שאלת טל ומטר האָבן מיר געשטעלט נאָר אויף אַ קליינע צייט, אויף אַ משך פון 40 יאָהר. ווייל מיר מיינען, אז אונזער לוח נוצט ניט אַזויפיעל דעם הוה, ווי דעם עבר און עתיד. פאַרן הוה פאַר דעם יעהרליכן געברויך, האָט געוועהנליך יעדער מענש אַ יאָהר-לוח ביי זיך. וועלכן ער וועט געוויס אויך מיט אונזער לוח הכללי ניט וועלן פערשפּאָרן. און צו די ענינים ווי מולדות, תקופות און טל ומטר, ווען זיי זייען אין די פאָריגע יאָהרן אויסגעקומען, אָדער ווען זיי וועלן שפּעטער אויסקומען, קען, דאַכט זיך, קיין מענש דאַפיר אינטערעסע האָבן, און אגב איז דער צאָהל 40 יאָהר, פאַר אַ גרויסן טייל לעזער, אויך דער הוה בעפרידיגט.

די אידישע צייטרעכענונג האָט בכלל 14 קביעות, און וועלכע יעדעס יאָהר פון בריאת העולם ביז סוף כל הדורות, מוז זיך אין איינע פון די קביעות געפינען. 7 קביעות פאַר שנים פשוטות, איינפאַכע יאָהרן, און 7 קביעות פאַר שנים מעוברות, עבור יאָהרן. די 14 קביעות האָבן מיר אויסגעשטעלט אין 14 בעזונדערע לוחות, און אין לוח-השנים אָנגעוויזן נאָך וועלכע קביעות יעדעס יאָהר געהט. אַלזאָ גאַנץ לייכט און איינפאַך. כמעט אין אַלע חדשים האָבן מיר געקענט שטעלן איינינע קביעות צוזאַמען, ווייל זיי פאַלן אויס אין יענע קביעות גלייך, נאָר צוליעב בעקוועמ-ליכקייט, האָבן מיר דאַרויף ניט געאכט, ניט געשפּאָרט קיינע הוצאות און געשטעלט צו יעדע קביעות אַ גאַנצן לוח מיט אַלע חדשים.

די קביעות פון תשרי און חשון, איז גלייך אין די לוחות: 1 2 8 9, 3 10, 4 5 11 12.

כסלו איז גלייך אין די לוחות: 1 8, 2 9, 3 10, 4 11, 5 12, 6 13, 7 14.

טבת איז גלייך אין די לוחות: 1 3 8 10, 2 9, 4 11, 6 13, 7 14.

שבט איז גלייך אין די לוחות: 1 3 8 10, 2 6 9 13, 4 11, 7 14.

אדר ראשון איז גלייך אין די לוחות: 8 10, 9 13.

אדר פאַר ניסן איז גלייך אין די לוחות: 1 3, 2 6, 8 10, 9 13.

ניסן און אייר זייען גלייך אין די לוחות: 1 3, 2 6, 4 7, 8 10, 9 13.

סיון און תמוז זייען גלייך אין די לוחות: 1 3 9 13, 2 6 14 4 7, 5 8 14.

אב און אלול זייען גלייך אין די לוחות: 1 3 9 13, 2 6 11 14, 4 7, 5 8 10.

דאָס זייען די 14 קביעות.

פאַר איינפאַכע יאָהרן

1. ב. ש. ה. האָט 50 שבתים 355 טעג.
2. ב. ח. ג. „ 50 „ 353 „
3. ג. כ. ה. „ 50 „ 354 „
4. ה. ש. א. „ 51 „ 355 „
5. ה. כ. ז. „ 51 „ 354 „
6. ז. ש. ג. „ 51 „ 355 „
7. ז. ח. א. „ 51 „ 353 „

פאַר עבור יאָהרן.

8. ב. ש. ז. האַט 55 שבתים 385 טעג.
9. ב. ח. ה. „ 54 „ 383 „
10. ג. כ. ז. „ 55 „ 384 „
11. ה. ש. ג. „ 55 „ 385 „
12. ה. ח. א. „ 55 „ 383 „
13. ז. ש. ה. „ 55 „ 385 „
14. ז. ח. ג. „ 55 „ 383 „

דאָס ערשטע אות פון יעדע קביעות, ווייזט וועלכן טאָג עס געפאַלט ראש השנה.
דאָס צווייטע אות „ „ „ אויב דאָס יאָהר איז שלמה, חסרה אָדער כסדרה.

דער דריטער אות ווייזט וועלכן טאג ר״ח ניסן און פסח קומט אויס.

כללים

מיר שטעלן דאָ איניגע נוצליכע כללים:

די חדשים: ניסן, סיון, אב, תשרי און שבט האָבן אַלעמאָל נאָר צו איין טאָג ראש חדש.

אייר, תמוז, אלול, מרחשון אָדר און אדר שני האָבן צוויי טעג ראש חדש.

כסלו און טבת האָבן צו איין טאָג ראש חדש, ווען דאָס יאָהר איז אַ חסרה, פעהלענדעס דאָס הייסט ווען חשון און כסלו האָבן צו 29 טעג יעדער.

כסלו און טבת האָבן צו צוויי טעג ראש חדש, ווען דאָס יאָהר איז אַ מלאה, אַפולעס. דאָס הייסט ווען חשון און כסלו האָבן צו 30 טעג יעדער.

כסלו איין טאָג ראש חדש, און טבת צוויי טעג. ווען דאַס יאָהר איז כסדרה. אין אָרדנונג אַחדש אום אַחדש. חשון 29 טעג און כסלו האָט 30 טעג.

דאַפון זעהן מיר, אז אַחדש וואָס פאָר איהם איז געווען אַ חדש חסר, פון 29 טעג, האָט נאָר איין טאָג ראש חדש. דער חדש אָבער וואָס פאָר איהם איז געווען אַ חדש מלא, פון 30 טעג, האָט צוויי טעג ראש חדש. דער ערשטער טאָג ראש חדש אין דער 30 סטער טאָג פון פאָריגן חדש און געהערט צו יענעם. דער ערשטער טאָג פון דעם חדש, פאַנגט זיך אָן פון צווייטן טאָג ראש חדש.

דער ערשטער טאָג פון חדש ניסן קען ניט זיין, אום מאָנטאָג, מיטוואָך אָדער פרייטאָג.
„ „ „ „ אייר „ „ „ „ זונטאָג מיטוואָך אָדער פרייטאָג.
„ „ „ „ סיון „ „ „ „ מאָנטאָג, דאָנערשטאָג אדער שבת
„ „ „ „ תמוז „ „ „ „ מאָנטאָג, מיטוואָך, אָדער שבת.

דער ערשטער טאָג פון חדש אב קען ניט זיין, אום זונטאָג, דינסטאָג אדער דאָנערשטאָג.
„ „ „ „ אלול „ „ „ „ דינסטאָג, דאָנעדשטאָג אָדער שבת.
„ „ „ „ תשרי „ „ „ „ זונטאָג, מיטוואָך אָדער פרייטאָג.
„ „ „ „ מרחשון „ „ „ זונטאָג דינסטאָג אדער פרייטאָג.
„ „ „ „ כסלו „ „ „ שבת.
„ „ „ „ טבת „ „ „ דאָנערשטאָג אדער שבת.
„ „ „ „ שבט „ „ „ זונטאָג אָדער שבת.
„ „ „ „ אדר „ „ „ זונטאָג, דינסטאָג אָדער דאנערשטאָג.
„ „ „ „ אדר ראשון „ „ „ זונטאָג דינסטאָג אָדער פרייטאג.

די טעג אין חדש קענען קיינמאָל ניט אויסקומען שבת.
אין תשרי: 2, 4, 7, 9, 11, 14, 16, 18, 21, 23, 25, 28, 30.
„ מרחשון: 2, 5, 7, 9, 12, 14, 16, 19, 21, 23, 26, 28, 30.
„ כסלו: 1, 8, 15, 22, 29.
„ טבת: 1, 3, 8, 10, 15, 17, 22, 24, 29.
„ שבט: 2, 7, 9, 14, 16, 21, 23, 28, 30.
„ אדר ראשון: גלייך צו מרחשון.
אדר פאר ניסן: 3, 5, 7, 10, 12, 14, 17, 19, 21, 24, 26, 28.
„ ניסן: 2, 4, 6, 9, 11, 13, 16, 18, 20, 23, 25, 27, 30.
„ אייר: גלייך צו תשרי.
„ סיון: 1, 3, 6, 8, 10, 13, 15, 17, 20, 22, 24, 27, 29.
„ תמוז: 1, 4, 6, 8, 11, 13, 15, 18, 20, 22, 25, 27, 29.
„ אב: גלייך צו אדר.
„ אלול: 1, 3, 5, 8, 10, 12, 15, 17, 19, 22, 24, 26, 29.

ראש השנה, סכות און שמיני עצרת קענען ניט אויסקומען אום, זונטאָג מיטוואָך, פרייטאָג
שמחת תורה „ „ „ „ מאָנטאָג, דאָנערשט. שבת.
צום גדליה, יו״כ און אסתר תענית „ „ „ „ זונטאָג, דינסטאָג, פרייטאָג.
פורים, און ל״ג בעומר „ „ „ „ מאָנטאָג, מיטוואָך, שבת.
פסח, שבעה עשר בתמוז, תשעה באב „ „ „ „ מאָנטאָג, מיטוואָך, פרייטאָג.
שבועות און הושענא רבא „ „ „ „ דינסטאָג, דאָנערשט. שבת.

די טעג פון פסח ווייזן אן די טעג פון אנדערע ימים טובים.

א״ת	דער	ערשטער	טאָג	פסח	איז	דערזועלבע	ווען	תשעה באב	וועט אויסקומען.
ב״ש	„	צווייטער	„	„	„	„	„	שבועות	„ „
ג״ר	„	דריטער	„	„	„	„	„	ראש השנה	„ „
ד״ק	„	פיערטער	„	„	„	„	„	קריאת=(שמחת)=תורה	„
ה״צ	„	פינפטער	„	„	„	„	„	צום כפור	„ „
ו״פ	„	זעקסטער	„	„	„	„	„	פורים דער פאָריגער איז געווען.	

די אידישע אותיות ווערן אויך בענוצט אויף צאָהלן, לויט פאָלגענדן סדר

א	ב	ג	ד	ה	ו	ז	ח	ט	י	יא	יב	יג	יד
1	2	3	4	5	6	7	8	9	10	11	12	13	14
טו	טז	יז	יח	יט	כ	ל	מ	נ	ס	ע	פ	צ	ק
15	16	17	18	19	20	30	40	50	60	70	80	90	100
ר	ש	ת											
200	300	400											

טויזנטער, ווערן בעצייכנט ווען נאך דעם אות קומט אַ פונקט, אָדער איבער איהם אַ קאָמאַ. למשל: ה. תרפ״ז=5687 א׳ תרכ״ט=1629.

אום צו ווייזן אז עס איז ניט קיין וואָרט מיט אַ בעדייטונג, נאָר אַ צאהל ווערט געשטעלט איבערן ווארט 2 קאָמאַ׳ס.

לוח השנים. יאהרען טאבעלע

נעבן יעדעם יאָהר שטעהט אַ ציפער, וועלכער ווייזט אָן לויט וועלכן לוח, פון די 14 לוחות, דאָס יאָהר רעכענט זיך, דער צייכען * בעצייכענט אַ שמיטה יאָהר.

דאָס ערשטע יאָהר פון אלף הששי, איז דאָס 17־טע יאָהר פון מחזור גדול קע״ט און 4־טע יאהר פון מחזור קטן רס״ד. אַ מחזור גדול האָט 28 יאָהר. אַ מחזור קטן האָט 19 יאָהר.

חמשת אלפים

1241.	א		4
	ב		6
	ג		11
	ד		5
1245.	ה	*	9
	ו		6
	ז		5
	ח		9
	ט		6
1250.	י		5
	יא		8
	יב	*	2

מחזור גדול ק״פ.

	ה׳ אלפים י״ג		4
	י״ד		10
1255.	ט״ו		1
	ט״ז		14

מחזור קטן רס״ה.

	י״ז		5
	י״ח		1
	י״ט	*	14
1260.	כ״		7
	כ״א		1
	כ״ב		13
	כ״ג		6
	כ״ד		13
1265.	כ״ה		3
	כ״ו	*	6
	כ״ז		13
	כ״ח		6
	כ״ט		2
1270.	ל״		10
	ל״א		5
	ל״ב		1
	ל״ג	*	14
	ל״ד		5
1275.	״ה		8

מחזור קטן רס״ו.

	ל״ו		2
	ל״ז		5
	ל״ח		8
	ל״ט		1
1280.	מ״	*	7

מחזור גדול קפ״א.

	ה׳ אלפים מ״א		10
	מ״ב		1
	מ״ג		14
	מ״ד		4
1285.	מ״ה		3
	מ״ו		13
	מ״ז	*	6
	מ״ח		5
	מ״ט		9
1290.	נ״		6
	נ״א		5
	נ״ב		9
	נ״ג		6
	נ״ד	*	11

מהזור קטן רס״ז

1295.	נ״ה		5
	נ״ו		2
	נ״ז		11
	נ״ח		5
	נ״ט		1
1300.	ס״		14
	ס״א	*	5
	ס״ב		8
	ס״ג		2
	ס״ד		4
1305.	ס״ה		10
	ס״ו		1
	ס״ז		7
	ס״ח	*	10

מחזור גדול קפ״ב

	ה׳ אלפים ס״ט		1
1310.	ע״		6
	ע״א		12
	ע״ב		3
	ע״ג		13

מחזור קטן ר״סח.

	ע״ד		6
1315	ע״ה	*	5
	ע״ו		9
	ע״ז		6
	ע״ח		5
	ע״ט		9
1320	פ״		7
	פ״א		11
	פ״ב	*	5
	פ״ג		2
	פ״ד		11
1325	פ״ה		5
	פ״ו		1
	פ״ז		14
	פ״ח		5
	פ״ט	*	1
1330	צ״		13
	צ״א		7
	צ״ב		10

מחזור קטן רס״ט.

	צ״ג		1
	צ״ד		6
1335.	צ״ה		12
	צ״ו	*	3

לוח השנים. יאהרען טאבעלע.

מחזור גדול קפ״ג.

	ה׳ אלפים צז.		6
	צח		12
	צט		3
1340.	ק		13
	קא		6
	קב		5
	קג	*	9
	קד		6
1345.	קה		5
	קו		8
	קז		2
	קח		5
	קט		8
1350.	קי	*	1
	קיא		14
	מחזור קטן ע״ר		
	קיב		5
	קיג		1
	קיד		14
1355.	קטו		5
	קטז		1
	קיז.	*	13
	קיח		7
	קיט		10
1360.	קכ.		1
	קכא		6
	קכב		12
	קכג		3
	קכד	*	6

מחזור גדול קפ״ד.

	ה׳ אלפים		
1365.	קכה		11
	קכו		5
	קכז		2
	קכח		11
	קכט		5
1370.	קל		9
	מחזור קטן רע״א		
	קלא	*	6
	קלב		5
	קלג		8
	קלד		2
1375.	קלה		4
	קלו		10
	קלז		1
	קלח	*	14
	קלט		5
1380.	קמ		1
	קמא		14
	קמב		4
	קמג		3
	קמד		13
1385.	קמה	*	6
	קמו		5
	קמז		9
	קמח		6
	קמט		12
	מחזר קטן עבר.		
1390.	קנ		3
	קנא		6
	קנב	*	11

מחזור גדול קפ״ה.

	ה׳ אלפים קנג		5
	קנד		2
1395.	קנה		11
	קנו		5
	קנז		9
	קנח		6
	קנט	*	5
1400.	קס		8
	קסא		2
	קסב		4
	קסג		10
	קסד		1
1405.	קסה		7
	קסו	*	10
	קסז		1
	קסח		13
	מחזור קטן רע״ג.		
	קסט		7
1410.	קע		3
	קעא		13
	קעב		6
	קעג	*	5
	קעד		9
1445.	קעה		6
	קעו		12
	קעז		3
	קעח		6
	קעט		11
1420	קפ	*	5

מחזור גדול קפ״ו.

	ה׳ אלפים קפא		2
	קפב		11
	קפג		5
	קפד		1
4125.	קפה		14
	קפו		5
	קפז	*	8
	מחזור קטן רע״ד		
	קפח		1
	קפט		7
1430.	קצ		10
	קצא		1
	קצב		6
	קצג		12
	קצד	*	3
1435.	קצה		13
	קצו		7
	קצז		3
	קצח		13
	קצט		6
1440.	ר		5
	רא	*	9
	רב		6
	רג		5
	רד		8
1745.	רה		2
	רו		11
	מחזור קטן רע״ה.		
	רז		5
	רח	*	1

לוח השנים. יאהרען טאבעלע.

מחזור גדול קפז

	ה׳ אלפים רט	14
1450	רי	5
	ריא	1
	ריב	14
	ריג	4
	ריד	10
1455	רטו*	1
	רטז	7
	ריז	10
	ריח	1
	ריט	6
1460	רכ	12
	רכא	3
	רכב*	6
	רכג	11
	רכד	5
1465	רכה	9

מחזור קטן רעו:

	רכו	6
	רכז	5
	רכח	9
	רכט*	6
1470	רל	5
	רלא	8
	רלב	2
	רלג	11
	רלד	5
1475	רלה	1
	רלו*	14

מחזור גדול קפח.

	ה׳ אלפים רלז	5
	רלח	1
	רלט	14
1480	רמ	4
	רמא	3
	רמב	13
	רמג *	7
	רמד	10

מחזור קטן רע״ז

1485	רמה	1
	רמו	6
	רמז	12
	רמח	3
	רמט	6
1490	רן *	11
	רנא	5
	רנב	9
	רנג	6
	רנד	5
1495	רנה	9
	רנו	6
	רנז *	5
	רנח	8
	רנט	2
1500	רס	4
	רסא	10
	רסב	1
	רסג	14

מחזור קטן רע״ח

	רסד *	5

מחזור גדול קפט.

	ה׳ אלפים רסה	1
	רסו	13
	רסז	7
	רסח	3
	רסט	13
1510	רע	6
	רעא *	12
	רעב	3
	רעג	6
	רעד	11
1515	רעה	5
	רעו	2
	רעז	11
	רעח *	5
	רעט	1
1520	רפ	14
	רפא	5
	רפב	8

מחזור קטן רע״ט

	רפג	2
	רפד	5
1525	רפה	8
	רפו	1
	רפז	7
	רפח	10
	רפט	1
1530	רצ	14
	רצא	4
	רצב *	3

מחזור גדול קצ.

	ה׳ אלפים רצג	13
	רצד	6
1535	רצה	5
	רצו	9
	רצז	6
	רצח	5
	רצט *	9
1540	ש	6
	שא	11

מחזור קטן רפ

	שב	5
	שג	2
	שד	11
1545	שה	5
	שו *	1
	שז	14
	שח	5
	שט	8
1550	שי	2
	שיא	4
	שיב	10
	שיג *	1
	שיד	7
1555	שטו	10
	שטז	1
	שיז	6
	שיח	12
	שיט	3
1560	שכ *	13

לוח השנים. יאהרען מאבעלע.

מחזור גדול קצא.		
	ה׳ אלפים שכא	6
	שכב	5
	שכג	9
	שכד	6
1565.	שכה	5
	שכו	9
	שכז *	6
	שכח	11
	שכט	5
1570.	של	2
	שלא	11
	שלב	5
	שלג	1
	שלד *	14
1575.	שלה	5
	שלו	1
	שלז	14
	שלח	4
	שלט	14
מחזור קטן רפ״ב		
1580.	שמ	1
	שמא *	7
	שמב	10
	שמג	1
	שמד	6
1585.	שמה	12
	שמו	3
	שמז	13
	שמח *	6

מהזור גדול קצב.		
	ה׳ אלפים שמט	5
1590.	שנ	9
	שנא	6
	שנב	5
	שנג	8
	שנד	2
1595.	שנה *	5
	שנו	8
	שנז	1
	שנח	14
מחזור קטן רפ״ג.		
	שנט	5
166[illegible].	שס	1
	שסא	14
	שסב *	5
	שסג	1
	שסד	13
1605.	שסה	7
	שסו	10
	שסז	1
	שסח	6
	שסט *	12
1610.	שע	3
	שעא	6
	שעב	11
	שעג	5
	שעד	2
1615.	שעה	11
	שעו *	5

מחזור גדול קצג.		
	ה׳ אלפים שעז	9
מחזור קטן רפ״ד.		
	שעח	6
	שעט	5
1620.	שפ	8
	שפא	2
	שפב	5
	שפג *	8
	שפד	1
1625.	שפה	14
	שפו	5
	שפז	1
	שפח	14
	שפט	4
1630.	שצ *	3
	שצא	13
	שצב	6
	שצג	5
	שצד	9
1635.	שצה	6
	שצו	12
מחזור קטן רפ״ה.		
	שצז *	3
	שצח	6
	שצט	11
1640.	ת	5
	תא	2
	תב	11
	תג	5
	תד *	9

מחזור גדול קצד.		
	ה׳ אלפים תה	6
	תו	5
	תז	8
	תח	2
	תט	4
1650.	תי	10
	תיא *	1
	תיב	7
	תיג	10
	תיד	1
1655.	תטו	13
מחזור קטן רפ״ו		
	תטז	7
	תיז	3
	תיח *	13
	תיט	6
1660.	תכ	5
	תכא	9
	תכב	6
	תכג	12
	תכד	3
1665.	תכה *	6
	תכו	11
	תכו	5
	תכח	2
	תכט	11
1670.	תל	5
	תלא	1
	תלב *	14

לוח השנים. יאהרען טאבעללע.

מחזור גדול קצה.		
ה׳ אלפים	תלג	5
	תלד	8
מחזור קטן רפז.		
1675.	תלה	1
	תלו	7
	תלז	10
	תלח	1
	תלט *	6
1680.	תמ	12
	תמא	3
	תמב	13
	תמג	7
	תמד	3
1685.	תמה	13
	תמו *	6
	תמז	5
	תמח	9
	תמט	6
1690.	תנ	5
	תנא	8
	תנב	2
	תנג *	11
מחזור קטן רפח.		
	תנד	5
1695.	תנה	1
	תנו	14
	תנז	5
	תנח	1
	תנט	14
1700	תס *	4

מחזור גדול קצו.		
ה׳ אלפים	תסא	10
	תסב	1
	תסג	7
	תסד	10
1705.	תסה	1
	תסו	6
	תסז *	12
	תסח	3
	תסט	6
1710.	תע	11
	תעא	5
	תעב	9
מחזור קטן רפט.		
	תעג	6
	תעד *	5
1715.	תעה	9
	תעו	6
	תעז	5
	תעח	8
	תעט	2
1720.	תפ	11
	תפא *	5
	תפב	1
	תפג	14
	תפד	5
1725.	תפה	1
	תפו	14
	תפז	4
	תפח *	3

מחזור גדול קצז.		
ה׳ אלפים	תפט	13
1730.	תצ	7
	תצא	10
מחזור קטן רצ.		
	תצב	1
	תצג	6
	תצד	12
1735.	תצה §	3
	תצו	6
	תצז	11
	תצח	5
	תצט	9
1740.	תק	6
	תקא	5
	תקב *	9
	תקג	6
	תקד	5
1745.	תקה	8
	תקו	2
	תקז	4
	תקח	10
	תקט *	1
1750.	תקי	14
מחזור קטן רצא.		
	תקיא	5
	תקיב	1
	תקיג	13
	תקיד	7
1755.	תקטו	3
	תקטז	13

מחזור גדול קצח.		
ה׳ אלפים	תקיז	6
	תקיח	12
	תקיט	3
1760.	תקכ	6
	תקכא	12
	תקכב	3
	תקכג *	6
	תקכד	11
1765.	תקכה	5
	תקכו	2
	תקכז	11
	תקכח	5
	תקכט	8
מחזור קטן רצב.		
1770.	תקל *	2
	תקלא	5
	תקלב	8
	תקלג	1
	תקלד	7
1775.	תקלה	10
	תקלו	1
	תקלז *	14
	תקלח	4
	תקלט	3
1780.	תקמ	13
	תקמא	6
	תקמב	5
	תקמג	9
	תקמד *	6

לוח השנים. יאהרען טאבעללע.

מחזור גדול קצט.

	ה׳ אלפים	
1785.	תקמה	5
	תקמו	9
	תקמז	6
	תקמח	11
	מחזור קטן רצג.	
	תקמט	5
179 .	תקנ	2
	תקנא *	11
	תקנב	5
	תקנג	1
	תקנד	14
1795.	תקנה	5
	תקנו	8
	תקנז	2
	תקנח *	4
	תקנט	10
1880.	תקס	1
	תקסא	7
	תקסב	10
	תקסג	1
	תקסד	6
1805.	תקסה *	12
	תקסו	3
	תקסז	13
	מחזור קטן רצה.	
	תקסח	6
	תקסט	5
1810.	תקע	9
	תקעא	6
	תקעב *	5

מחזור גדו׳ ר.

	ה׳ א׳פים תקעג	9
	תקעד	6
1815.	תקעה	11
	תקעו	5
	תקעז	2
	תקעח	11
	תקעט *	5
1820.	תקפ	1
	תקפא	14
	תקפב	5
	תקפג	1
	תקפד	14
1825.	תקפה	4
	תקפו *	10
	מחזור קטן רצה.	
	תקפז	1
	תקפח	7
	תקפט	10
1830.	תקצ	1
	תקצא	6
	תקצב	12
	תקצג *	3
	תקצד	13
1835.	תקצה	6
	תקצו	5
	תקצז	9
	תקצח	6
	תקצט	5
1840.	תר *	8

מחזור גדול רא.

	ה׳ אלפים תרא	2
	תרב	5
	תרג	8
	תרד	1
1845.	תרה	14
	מחזור קטן רצו.	
	תרו	5
	תרז *	1
	תרח	14
	תרט	5
1850.	תרי	1
	תריא	13
	תריב	7
	תריג	10
	תריד *	1
1855.	תרטו	6
	תרטז	12
	תריז	3
	תריח	6
	תריט	11
1860.	תרכ	5
	תרכא *	2
	תרכב	11
	תרכג	5
	תרכד	9
	מחזור קטן רצז.	
1665.	תרכה	6
	תרכו	5
	תרכז	8
	תרכח *	2

מחזור גדול רב.

	ה׳ אלפים תרכט	5
1870.	תר׳	8
	תרלא	1
	תרלב	14
	תרלג	5
	ת׳לד	1
1875.	תר.ה *	14
	תרלו	4
	תרלז	3
	תרלח	13
	תרלט	6
1880.	ת־מ	5
	תרמא	9
	תרמב *	6
	ת־מג	12
	מחזור קטן רצח.	
	תרמד	3
1885.	תרמה	6
	תרמו	11
	תרמז	5
	תרמח	2
	תרמט *	11
1890.	תרנ	5
	תרנא	9
	תרנב	6
	תרנג	5
	תרנד	8
1895.	תרנה	2
	תרנו	4

לוח השנים. יאהרען טאבעלע.

מחזור גדול ר"ג.		
	ה׳ אלפים תרנז	10
	תרנח	1
	תרנט	7
1900.	תרם	10
	תרסא	1
	תרסב	14
מחזור קטן רצ"ט.		
	תרסג *	4
	תרסד	3
1905.	תרסה	13
	תרסו	6
	תרסז	5
	תרסח	9
	תרסט	6
1010.	תרע *	12
	תרעא	3
	תרעב	6
	תרעג	11
	תרעד	5
1915.	ת עה	2
	תרעו	11
	תרעז *	5
	תרעח	1
	תרעט	14
1920.	תרפ	5
	ת פא	8
מחזור קטן ש		
	תרפב	1
	תרפג	7
	תרפד *	10

מחזור גדול ר"ד.		
	ה׳ אלפים	
1925.	תרפה	1
	תרפו	6
	תרפז	12
	תרפח	3
	תרפט	13
1930.	תרצ	7
	תרצא *	3
	תרצב	13
	תרצג	6
	תרצד	5
1935.	תרצה	9
	תרצו	6
	תרצז	5
	תרצח *	8
	תרצט	2
1940.	תש	11
מחזור קטן ש"א		
	תשא	5
	תשב	1
	תשג	14
	תשד	5
1945.	תשה *	1
	תשו	14
	תשז	5
	תשח	8
	תשט	1
1950.	תשי	7
	תשיא	10
	תשיב *	1

מחזור גדול ר"ה.		
	ה׳ אלפים תשיג	6
	תשיד	12
1955.	תשטו	3
	תשטז	6
	תשיז	11
	תשיח	5
	תשיט *	9
מחזור קטן ש"ב.		
1960.	תשכ	6
	תשכא	5
	תשכב	9
	תשכג	6
	תשכד	5
1965.	תשכה	8
	תשכו *	2
	תשכז	11
	תשכח	5
	תשכט	1
1970.	תשל	14
	תשלא	5
	תשלב	1
	תשלג *	14
	תשלד	4
1975.	תשלה	3
	תשלו	13
	תשלז	7
	תשלח	10
מחזור קטן ש"ג.		
	תשלט	1
1980	תשמ *	6

מחזור גדול ר"ו.		
	ה׳ אלפים תשמא	12
	תשמב	3
	תשמג	6
	תשמד	11
1985.	תשמה	5
	תשמו	9
	תשמז *	6
	תשמח	5
	תשמט	9
1990.	תשנ	6
	תשנא	5
	תשנב	8
	תשנג	2
	תשנד *	4
1995.	תשנה	10
	תשנו	1
	תשנז	14
מחזור קטן ש"ד		
	תשנח	5
	תשנט	1
2000.	תשס	13
	תשסא *	7
	תשסב	3
	תשסג	13
	תשסד	6
2005.	תשסה	12
	תשסו	3
	תשסז	6
	תשסח *	12

לוח השנים. יאהרען טאבעלע

מהזוק גדול ר"ז.		
	ה. אלפים תשסט	3
2010.	יתשע	6
	תשעא	11
	תשעב	5
	תשעג	2
	תשעד	11
2015.	תשעה *	5
	תשעו	8
מחזו קטן ש"ה.		
	תשעז	2
	תשעח	5
	תשעט	8
2020.	תשפ	1
	תשפא	7
	תשפב *	10
	תשפג	1
	תשפד	14
2025.	תשפה	4
	תשפו	3
	תשפז	13
	תשפח	6
	תשפט *	5
2030.	תשצ	9
	תשצא	6
	תשצב	5
	תשצג	9
	תשצד	6
2035.	תשצה	11
מחזור קטן ש"ו		
	תשצו *	5

מחזור גדול ר"ח.		
	ה. אלפים תשצז	2
	תשצח	11
	תשצט	5
2040.	תת	1
	תתא	14
	תתב	5
	תתג *	8
	תתד	2
2045.	תתה	4
	תתו	10
	תתז	1
	תתח	7
	תתט	10
2050.	תתי *	1
	תתיא	6
	תתיב	12
	תתיג	3
	תתיד	13
מחזור קטן ש"ז.		
2055.	תתטו	6
	תתטז	5
	תתיז *	9
	תתיח	6
	תתיט	5
2060.	תתכ	9
	תתכא	6
	תתכב	11
	תתכג	5
	תתכד *	2

מחזור גדול ר"ט.		
	ה' אלפים	
2065.	תתכה	11
	תתכו	5
	תתכז	1
	תתכח	14
	תתכט	5
2070.	תתל	1
	תתלא *	14
	תתלב	4
	תתלג	10
מחזור קטן ש"ח		
	תתלד	1
2075.	תתלה	7
	תתלו	10
9	שבת	9	דינסטאָג	9	פרייטאג	9	זונטאָג	9	מיטוואָך	9	פרייט.
10	זונטאג	10	מיטוואָך	10	שבת	10	מאָנטאָג	10	דאָנערשט.	10	שבת
11	מאנטאג	11	דאָנערשט.	11	זונטאג	11	דינסטאָג	11	פרייטאָג	11	זונטאג
12	דינסטאג	12	פרייטאָג	12	מאנטאג	12	מיטוואָך	12	שבת	12	מאנט.
13	מיטוואך	13	שבת	13	דינסטאג	13	דאָנערשט.	13	זונטאָג	13	דינסט.
14	דאנערשט.	14	זונטאָג	14	מיטוואך	14	פרייטאָג	14	מאָנטאָג	14	מיטוו.
15	פרייטאג	15	מאָנטאָג	15	דאנערשט	15	שבת	15	דינסטאָג	15	דאנער
16	שבת	16	דינסטאָג	16	פרייטאג	16	זונטאָג	16	מיטוואָך	16	פרייט.
17	זונטאָג	17	מיטוואָך	17	שבת	17	מאָנטאָג	17	דאָנערשט.	17	שבת
18	מאנטאג	18	דאָנערשט.	18	זונטאג	18	דינסטאָג	18	פרייטאָג	18	זונטאג
19	דינסטאג	19	פרייטאָג	19	מאנטאג	19	מיטוואָך	19	שבת	19	מאנט.
20	מיטוואך	20	שבת	20	דינסטאג	20	דאָנערשט.	20	זונטאָג	20	דינסט.
21	דאנערשט.	21	זונטאָג	21	מוטוואך	21	פרייטאָג	21	מאָנטאָג	21	מיטוו.
22	פרייטאָג	12	מאָנטאָג	22	דאנערשט	22	שבת	22	דינסטאָג	22	דאנעד
23	שבת	23	דינסטאָג	23	פרייטאג	23	זונטאָג	23	מיטוואָך	23	פרייט.
24	זונטאָג	24	מיטוואָך	24	שבת	24	מאָנטאָג	24	דאָנערשט.	24	שבת
25	מאנטאָג	25	דאָנערשט.	25	זונטאג	25	דינסטאָג	25	פרייטאָג	25	זינטאג
26	דינסטאָג	26	פרייטאָג	26	מאנטאג	26	מיטוואך	26	שבת	26	מאנט.
27	מיטוואָך	27	שבת	27	דינסטאג	27	דאָנערשט.	27	זונטאָג	27	דינסט.
28	דאָנערשט.	28	זונטאָג	28	מיטוואך	28	פרייטאָג	28	מאָנטאָג	28	מיטוו.
29	פרייטאָג	29	מאָנטאָג	29	דאנערשט	29	שבת	29	דינסטאָג	29	דאנער
30	שבת	30	דינסטאָג	30	פרייטאג	30	זונטאָג	30	מיטוואָך	30	פרייט.
31	זונטאָג	31	מיטוואָך			31	מאָנטאָג			31	שבת

קאלענדער 14

יאנוו. 31 טעג.	פעבר. 29 טעג.	מערץ 31 טעג.	אפריל 30 טעג.	מאי 31 טעג.	יוני 30 טעג
1 שבת	1 דינסטאג	1 מיטוואך	1 שבת	1 מאנטאג	1 דאָנער.
2 זונטאג	2 מיטוואך	2 דאנערשט.	2 זונטאג	2 דינסטאג	2 פרייט.
3 מאנטאג	3 דאנערשט	3 פרייטאג	3 מאנטאג	3 מיטוואך	3 שבת
4 דינסטאג	4 פרייטאג	4 שבת	4 דינסטאג	4 דאנערשט.	4 זונט.
5 מיטוואך	5 שבת	5 זונטאָג	5 מיטוואך	5 פרייטאג	5 מאָנט.
6 דאנערשט.	6 זונטאג	6 מאָנטאָג	6 דאנערשט	6 שבת	6 דינסט.
7 פרייטאג	7 מאנטאג	7 דינסטאָג	7 פרייטאג	7 זונטאג	7 מיטוו
8 שבת	8 דינסטאג	8 מיטוואָך	8 שבת	8 מאנטאג	8 דאָנער.
9 זונטאג	9 מיטוואך	9 דאָנערשט.	9 זונטאג	9 דינסטאג	9 פרייט.
10 מאנטאג	10 דאנערשט	10 פרייטאָג	10 מאנטאג	10 מיטוואך	10 שבת
11 דינסטאג	11 פרייטאג	11 שבת	11 דינסטאג	11 דאנערשט	11 זונט.
12 מיטוואך	12 שבת	12 זונטאָג	12 מיטוואך	12 פרייטאג	12 מאָנט.
13 דאנערשט.	13 זונטאג	13 מאָנטאָג	13 דאנערשט	13 שבת	13 דינסט.
14 פרייטאג	14 מאנטאג	14 דינסטאָג	14 פרייטאג	14 זונטאג	14 מיטוו.
15 שבת	15 דינסטאג	15 מיטוואָך	15 שבת	15 מאנטאג	15 דאָנער.
16 זונטאג	16 מיטוואך	16 דאָנערשט.	16 זונטאג	16 דינסטאג	16 פרייט.
17 מאָנטאָג	17 דאנערשט	17 פרייטאָג	17 מאנטאג	17 מיטוואך	17 שבת
18 דינסטאָג	18 פרייטאג	18 שבת	18 דינסטאג	18 דאנערשט.	18 זונט.
19 מיטוואָך	19 שבת	19 זונטאָג	19 מיטוואך	19 פרייטאג	19 מאָנט.
20 דאָנערשט.	20 זונטאג	20 מאָנטאָג	20 דאנערשט	20 שבת	20 דינסט.
21 פרייטאָג	21 מאנטאג	21 דינסטאָג	21 פרייטאג	21 זונטאָג	21 מיטוו.
22 שבת	22 דינסטאג	22 מיטוואָך	22 שבת	22 מאָנטאָג	22 דאָנער.
23 זונטאָג	23 מיטוואך	23 דאָנערשט.	23 זונטאג	23 דינסטאָג	23 פרייט.
24 מאנטאָג	24 דאנערשט	24 פרייטאָג	24 מאנטאג	24 מיטוואָך	24 שבת
25 דינסטאָג	25 פרייטאג	25 שבת	25 דינסטאג	25 דאָנערשט	25 זונט.
26 מיטוואָך	26 שבת	26 זונטאג	26 מיטוואד	26 פרייטאָג	26 מאָנט.
27 דאָנערשט.	27 זונטאג	27 מאָנטאָג	27 דאנערשט	27 שבת	27 דינסט.
28 פרייטאָג	28 מאנטאג	28 דינסטאג	28 פרייטאג	28 זונטאָג	28 מיטוו.
29 שבת	29 דינסטאג	29 מיטוואך	29 שבת	29 מאָנטאָג	29 דאָנער.
30 זונטאָג		30 דאנערשט.	30 זונטאג	30 דינסטאָג	30 פרייט.
31 מאָנטאָג		31 פרייטאג		31 מיטוואָך	

קאלענדער 14

יולי 31 טעג.	אויג. 31 טעג.	סעפט. 30 טעג.	אָקט. 31 טעג.	נאוו. 30 טעג.	דעצ 31 ט.
1 שבת	1 דינסטאָג	1 פרייטאג	1 זונטאג	1 מיטוואך	1 פרייט.
2 זונטאג	2 מיטוואך	2 שבת	2 מאנטאג	2 דאָנערשט.	2 שבת
3 מאנטאג	3 דאנערשט	3 זונטאָג	3 דינסטאג	3 פרייטאָג	3 זונט.
4 דינסטאג	4 פרייטאג	4 מאָנטאָג	4 מיטוואך	4 שבת	4 מאָנט.
5 מיטוואך	5 שבת	5 דינסטאָג	5 דאנערשט	5 זונטאג	5 דינסט
6 דאנערשט	6 זונטאג	6 מיטוואָך	6 פרייטאג	6 מאנטאג	6 מיטוו.
7 פרייטאג	7 מאנטאג	7 דאָנערשט.	7 שבת	7 דינסטאג	7 דאָנער.
8 שבת	8 דינסטאג	8 פרייטאָג	8 זונטאג	8 מיטוואך	8 פרייט.
9 זונטאג	9 מיטוואך	9 שבת	9 מאנטאג	9 דאנערשט.	9 שבת
10 מאנטאג	10 דאנערשט	10 זונטאָג	10 דינסטאג	10 פרייטאג	10 זונט.
11 דינסטאג	11 פרייטאג	11 מאָנטאג	11 מיטוואך	11 שבת	11 מאָנט.
12 מיטוואך	12 שבת	12 דינסטאָג	12 דאנערשט	12 זונטאָג	12 דינסט.
13 דאנערשט	13 זונטאג	13 מיטוואָך	13 פרייטאג	13 מאָנטאָג	13 מיטוו.
14 פרייטאג	14 מאנטאג	14 דאָנערשט.	14 שבת	14 דינסטאָג	14 דאָנ.
15 שבת	15 דינסטאג	15 פרייטאג	15 זונטאג	15 מיטוואָך	15 פרייט.
16 זונטאג	16 מיטוואך	16 שבת	16 מאנטאג	16 דאָנערשט	16 שבת
17 מאנטאג	17 דאנערשט	17 זונטאָג	17 דינסטאג	17 פרייטאָג	17 זונט.
18 דינסטאג	18 פרייטאג	18 מאָנטאָג	18 מיטוואך	18 שבת	18 מאנט.
19 מיטוואך	19 שבת	19 דינסטאָג	19 דאנערשט	19 זונטאג	19 דינסט.
20 דאנערשט	20 זונטאג	20 מיטוואָך	20 פרייטאג	20 מאנטאג	20 מיטוו.
21 פרייטאג	21 מאנטאג	21 דאָנערשט.	21 שבת	21 דינסטאג	21 דאָנער.
22 שבת	22 דינסטאג	22 פרייטאָג	22 זונטאג	22 מיטוואך	22 פרייט.
23 זונטאג	23 מיטוואך	23 שבת	23 מאנטאג	23 דאנערשט	23 שבת
24 מאנטאג	24 דאנערשט	24 זונטאָג	24 דינסטאג	24 פרייטאָג	24 זונט.
25 דינסטאג	25 פרייטאג	25 מאָנטאָג	25 מיטוואך	25 שבת	25 מאָנט.
26 מיטוואך	26 שבת	26 דינסטאָג	26 דאנערשט	26 זונטאג	26 דינסט.
27 דאנערשט	27 זונטאג	27 מיטוואָך	27 פרייטאג	27 מאנטאג	27 מיטוו.
28 פרייטאג	28 מאנטאג	28 דאָנערשט.	28 שבת	28 דינסטאג	28 דאָנער.
29 שבת	29 דינסטאג	29 פרייטאָג	29 זונטאג	29 מיטוואך	29 פרייט.
30 זונטאג	30 מיטוואך	30 שבת	30 מאנטאג	30 דאנערשט	30 שבת
31 מאנטאג	31 דאנערשט		31 דינסטאָג		31 זונט.

הקדמה צום לוח-המשוה.

אום לייכט צו געפינען די פערגלייכונגען פון די ביידע צייטרעכנונגען, די אידישע מיט די ניט אידישע, אין יאָהרן, האָבן מיר אין די ביידע יאָהרן טאַבעלן, צו די לוחות ווי אויך צום קאַלענדער, געשטעלט דעם יאָהרן צאָהל אויך נאך דעם אנדערן צייטרעכנונג. אום אָבער צו קענען פערגלייכן די ביידע צייטרעכנונגען אויך אין טעג און חדשים, דאָס הייסט: צו וויסן ווי עס שטימען די טעג און חדשים, פון די ביידע צייטרעכנונגען, איינע מיט די אנדערע, דאצו איז געגעבן דער לוח-המשוה, די פערגלייכונגס טאַבעלע.

מיר גיבן דאָ 2 טאַבעלן. איינע ווען יעדער ראש חדש פון אונזערע חדשים קומט אויס אין זייער דאטום. און א צווייטע טאַבעלע, ווען זייער ערשטער פון יעדן מאָנאט, קומט אויס אין אונזער דאטום. ווייס איך א געוויסן טאָג אין אונזער דאטום, און וויל וויסן ווען יענער טאָג איז געווען לויט זייער דאטום, בענוץ איך מיר מיט דער ערשטן טאַבעלע. ווען איך ווייס א געוויסן טאָג אין זייער דאטום, און וויל וויסן ווען יענער טאָג איז אויסגע-קומען לויט אונזער דאטום, בענוץ איך מיר מיט דער צווייטן טאַבעלע. ווי עס וועט באלד דורך ביישפּיעלן ערקלערט ווערן.

עס מוז בעמערקט ווערן, אז צוליעב דעם, וואָס אונזערע קביעות השנים: שלמה, חסרה אדער כסדרה שטימען ניט צוגלייך מיט זייערע שאלט-יאָהרן, קען פּאָרקומען, אז די אין לוח-המשוה אָנגעגעבענע פערגלייכונגען, זאָלן ניט אלעמאָל שטימען פּינקטליך. יעדענפאלס אָבער ניט אין מעהר ווי מיט 3 טעג, פריהער אָדער שפּעטער. די הויפּטזאך איז זיך צו האלטן אָן דעם וואָכן-טאָג פון דעם אונז בעוואוסטן צייטרעכנונג, און קומען לויט דעם לוח המשוה, צום זעלבן וואָכן טאָג אין דער פון אונז געזוכטן צייט רעכנונג. און דער דאטום אין חדש פון דעמזעלבן וואָכן-טאָג. איז דער ריכטיגער ניט קוקענדיג, אז יענער דאטום איז מיט א פּאָר טעג פריהער אדער שפּעטער, ווי אין לוח המשוה איז אָנגעגעבן.

פון לוח המשוה איז צו זעהן, אז די פערגלייכונגען ענדערן זיך מיט יעדעם יאָהר פון א מחזור קטן. דארום איז ביים פערגלייכן צו בעאכטן, דאָס וויפיעלסטע יאָהר עס איז אין מחזור קטן, און דאָס איז אין די יאָהרן טאַבעלן צו די ביידע צייטרעכנונגען דורך א קווערליניע אָנגעוויעזן, פון וועלכעם יאָהר א מחזור קטן פאנגט זיך אָן.

ביישפּילן: ווען איז ה. אייר תרפ"ה, אויסגעקומען אין זייער צייטרעכנונג? ווי אין לוח השנים צו די לוחות איז אָנגעגעבן, איז דאָס יאָהר תרפ"ה 1925 געווען דאָס 4 טע יאָהר אין מחזור קטן, און געהאט די קביעות פון לוח 1 אין יענעם לוח זעהן מיר, אז ה. אייר איז געווען א מיטוואָך. אלזאָ דער וואָכן טאָג, מיטוואָך, איז אונז געוויס אָהן א ספק. און לוח המשוה טאַבעלע

1 איז געזאָגט, אז אין דעם 4=טען יאָהר פון א מחזור קטן קומט אויס א. אייר אום 26=טען אפריל, דארף זיין ה. אייר דער 30=טער אפריל. אין קאלענדער 5. נאָך וועלכן דאָס יאָהר 1925 רעכענט זיך, ווי אין דער יאָהרן=טאַבע׳ע איז אָנגעצייגט, געפינען מיר, אז דער 30=טער אפרי׳, איז געווען דאָנערשטאָג, מיר ווייסן דאָך אָבער אז ה. אייר איז געווען מיטוואָך, מוזן מיר זאָגן, אז ה. אייר תרפ״ה איז געווען מיטוואָך דעם 29 אפריל 1925 מיט א טאָג פריהער ווי אין ׳וח=המשוה איז געזאָגט.

אומגעקעהרט: אין וועלכן חדש און טאָג אין חדש איז געווען דער 5 יולי 1927? אין דער יאָרן=טאַבעלע צום קאלענדער געפינען מיר, אז דאָס יאָהר 1927=תרפ״ז איז געווען דאָס 6=טע אין מחזיר קטן, און זיך גערעכנט נאָך קא׳ענדער 7. אין יענעם קאלענדער זעהן מיר, אז דער 5=טער יולי איז גע-ווען א דינסטאָג, אלזאָ דער וואָכן=טאָג, דינסטאָג, איז בעשטימט אָהן א ספק. לויט לוח המשוה טאַבעלע 2, דארף אין 6=טען יאָהר פון א מחזור קטן דער 1=טער יולי אויסקומען אום ב. תמוז. דארף דער 5=טער יולי זיין אום ו. תמוז. אין לוח 12 נאָך וועלכן דאָס יאָהר תרפ״ז רעכענט זיך, געפינען מיר אז ו. תמוז איז געווען מיטוואָך, מוזן מיר זאָגן, אז דער 5=טער יולי 1927 איז גע=ווען דינסטאָג ה. תמוז תרפ״ז. דען מיר ווייסן דאָך בעשטימט אז דער 5=טער יו׳י 1927 איז געווען דינסטאָג, און ניט מיטוואָך, מוזן מיר נעהמען מיט א טאָג פריהער, ווי אין לוח המשוה איז געזאָגט. און אזוי קען טרעפן אז עס זאָל ניט שטימען, אָבער אין ניט מע־ר ווי מיט 3 טעג. מיר גלויבן, אז די צוויי ביישפיעלן זייען גענוג אום צו וויזן ווי זיך מיט דעם לוח המשוה צו בע=דיענען, לייכט און פערשטענדליך.

די טאַבעלע 2 האָבן מיר אָנגעפאנגען מיט דעם מאָנאַט אָקטאָבער, און ניט מיט יאַנואר, ווייל די לעצטע 3 מאָנאטן פון זייער יאָהר: אָקטאָבער, נאָ=וועמבער און דעצעמבער, פערגלייכן זיך געוועהנליך מיט אונזערע 3 ערשטע חדשים תשרי, חשון און כסלו פון נייעם יאָהר, דארף מען ביים פערגלייכן אַ טאָג פון יענע 3 מאָנאטן מיט אונזערע חדשים, זוכן אין די חדשים תשרי, חשון און כסלו מיט א יאָהר ווייטער. אָקטאָבער, נאָוועמבער און דעצעמבער פון יאָהר 1924, פערגלייכן זיך מיט תשרי, חשון און כסלו תרפ״ה, וועלכע האָט די קביעות פון לוח 1. און איז דאָס 4=טע יאָהר אין מחזור קטן. דען א מחזור קטן רעכענט זיך נ אָ ר נאָך אונזער יאָהר, פון תשרי ביז תשרי. און אזוי אויך אומגעקעהרט. ווען איך וויל פערגלייכן א טאָג פון די חדשים תשרי, חשון אדער כסלו תרפ״ז מיט זייערע מאָנאטן, מוז איך עס פערג׳ייכן מיט אָקטאָבער, נאָוועמבער אָדער דעצעמבע־ פון יאָהר 1926 וואָס רעכענט זיך נאָך קאלענדער 6. געגן חשבון פון מחזור קטן אבער, רעכענען זיך די מאָנאטן שוין צום 6=טען יאָהר אין מחזור. דען ווי געזאָגט, דער חשבון פון מחזור קטן, געהט נאָר נאָך א ו נ ז ע ר צייטרעכנונג, פון תשרי ביז תשרי.

לוח־המשוה. פערגלייכונגס טאבעלע 1

אין מחזור קטן	א׳ תשרי.	א. חשון.	א. כסלו.	א. טבתי.	א. שבט.	א. אדר.	א.אדר 2
דאָס 1 יאָהר	2 אָקטאבר.	1 נאָוועמב.	1 דעצעמבער	31 דעצעמבר.	29 יאַנואר	28 פעברואר	— —
„ 2 „	22 ספטמבר.	22 אָקטאבר.	20 נאָוועמב	20 דעצעמבר.	18 יאַנואר	17 פעברואר	— —
„ 3 „	10 ספטמבר.	10 אָקטאָבר.	9 נאָוועמב.	9 דעצעמבר.	7 יאַנואר	6 פעברואר	8 מערץ.
„ 4 „	30 ספטמבר	30 אָקטאָבר.	29 נאָוועמב.	29 דעצעמבר	27 יאַנואר	26 פעברואר	— —
„ 5 „	20 ספטמבר.	20 אָקטאָבר.	18 נאָוועמב.	18 דעצעמבר.	16 יאַנואר	15 פעברואר	— —
„ 6 „	9 ספטמבר.	9 אָקטאָבר.	7 נאָוועמב.	6 דעצעמבר.	4 יאַנואר	3 פעברואר	4 מערץ.
„ 7 „	26 ספטמבר.	26 אָקטאָבר.	25 נאָוועמב.	25 דעצעמבר.	23 יאַנואר	22 פעברואר	— —
„ 8 „	16 ספטמבר.	16 אָקטאָבר.	14 נאָוועמב.	13 דעצעמבר.	11 יאַנואר	10 פעברואר	12 מר.
„ 9 „	4 אָקטאָבר.	3 נאָוועמב.	2 דעצעמבר	1 יאַנואר	30 יאַנואר	1 מערץ	— —
„ 10 „	23 ספטמבר.	23 אָקטאָבר.	22 נאָוועמב	22 דעצעמבר.	20 יאַנואר	19 פעברואר	— —
„ 11 „	12 ספטמבר.	12 אָקטאָבר.	11 נאָוועמב.	11 דעצעמבר.	9 יאַנואר	8 פעברואר	10 מר.
„ 12 „	2 אָקטאבר.	1 נאָוועמב.	30 נאָוועמב.	30 דעצעמבר.	28 יאַנואר	27 פעברואר	— —
„ 13 „	21 ספטמבר.	21 אָקטאָבר.	19 נאָוועמב.	18 דעצעמבר.	16 יאַנואר	15 פעברואר	— —
„ 14 „	9 ספטמבר.	9 אָקטאָבר.	8 נאָוועמב.	8 דעצעמבר	6 יאַנואר	5 פעברואר	6 מר.
„ 15 „	27 ספטמבר.	27 אָקטאָבר.	26 נאָוועמב.	26 דעצעמבר.	24 יאַנואר	23 פעברואר	— —
„ 16 „	17 ספטמבר.	17 אָקטאָבר.	15 נאָוועמב.	14 דעצעמבר.	12 יאַנואר	11 פעברואר	— —
„ 17 „	5 ספטמבר.	5 אָקטאָבר.	3 נאָוועמב.	3 דעצעמבר.	1 יאַנואר	31 יאַנואר	2 מר.
„ 18 „	24 ספטמבר.	24 אָקטאָבר.	23 נאָוועמב.	23 דעצעמבר.	21 יאַנואר	20 פעברואר	— —
„ 19 „	13 ספטמבר.	13 אָקטאָבר.	12 נאָוועמב.	12 דעצעמבר.	10 יאַנואר	9 פעברואר	11 מר.

אין מחזור קטן	א. ניסן	א. אייר	א. סיון	א׳ תמוז	א. אב	א. אלול
דאָס 1 יאָהר	29 מערץ	28 אפריל	27 מאי	26 יוני	25 יולי	24 אויגוסט
„ 2 „	17 מערץ	16 אפריל	15 מאי	14 יוני	13 יולי	12 אויגוסט
„ 3 „	6 אפריל	6 מאי	4 יוני	4 יולי	2 אויגוסט	1 ספטמבר.
„ 4 „	27 מערץ	26 אפריל	25 מאי	24 יוני	23 יולי	22 אויגוסט
„ 5 „	16 מערץ	15 אפריל	14 מאי	13 יוני	12 יולי	11 אויגוסט
„ 6 „	2 אפריל	2 מאי	31 מאי	30 יוני	29 יולי	28 אויגוסט
„ 7 „	23 מערץ	22 אפריל	21 מאי	20 יוני	19 יולי	18 אויגוסט
„ 8 „	10 אפריל	10 מאי	8 יוני	8 יולי	6 אויגוסט	5 ספטמבר.
„ 9 „	30 מערץ	29 אפריל	28 מאי	27 יוני	26 יולי	25 אויגוסט
„ 10 „	19 מערץ	18 אפריל	17 מאי	16 יוני	15 יולי	14 אויגוסט
„ 11 „	8 אפריל	8 מאי	6 יוני	6 יולי	4 אויגוסט	3 ספטמבר.
„ 12 „	28 מערץ	27 אפריל	26 מאי	25 יוני	24 יולי	23 אויגוסט
„ 13 „	16 מערץ	15 אפריל	14 מאי	13 יוני	12 יולי	11 אויגוסט
„ 14 „	4 אפריל	4 מאי	2 יוני	2 יולי	31 יולי	30 אויגוסט
„ 15 „	24 מערץ	23 אפריל	22 מאי	21 יוני	20 יולי	19 אויגוסט
„ 16 „	12 מערץ	11 אפריל	10 מאי	9 יוני	8 יולי	7 אויגוסט
„ 17 „	31 מערץ	30 אפריל	29 מאי	28 יוני	27 יולי	26 אויגוסט
„ 18 „	21 מערץ	20 אפריל	19 מאי	18 יוני	17 יולי	16 אויגוסט
„ 19 „	9 אפריל	9 מאי	7 יוני	7 יולי	5 אויגוסט	4 ספטמבר.

לוח־המשוה, פערגלייכונגס טאבעלע 2

אין מחזור קטן	1 אָקטאָבער	1 נאָוועמבער	1 דצמבר	1 יאַנוואר	1 פעֶברואר	1 מערץ
דאָס 1 יאָהר	כ״ט אלול	א חשון	א כסלו	ב טבת	ד שבט	ב אדר
" 2 "	י תשרי.	י״א חשון	י״ב כסלו	י״ג טבת	טו שבט	יד אדר
" 3 "	כ״ב תשרי.	כ״ג חשון	כ״ג כסלו	כד טבת	כו שבט	כד אדר א
" 4 "	ב תשרי.	ג חשון	ג כסלו	ד טבת	ו שבט	ד אדר
" 5 "	י״ב תשרי.	י״ג השון	י״ד כסל	טו טבת	יז שבט	טו אדר
" 6 "	כ״ג תשרי	כ״ד חשון	כ״ה ככלו	כז טבת	כט שבט	כח אדר א.
" 7 "	ו תשרי.	ז חשון	ז כסלו	ח טבת	י שבט	ח אדר
" 8 "	ט״ו תשרי.	י״ז חשון	י״ח כסלוו	כ טבת	כב שבט	כ אדר א
" 9 "	כ״ז אלול.	כ״ט תשרי	כ״ט חשון	א טבת	ג שבט	א אדר
" 10 "	ט תשרי.	י חשון	י כסלו	יא טבת	יג שבט	יב אדר
" 11 "	כ תשרי.	כ״א השון	כ״א כסלו	כב טבת	כד שבט	כב אדר א
" 12 "	כ״ט אלול.	א חשון	ב כסלו	ג טבת	ה שבט	ג אדר
" 13 "	י״א תשרי.	י״ב חשון	י״ג כסלו	טו טבת	יז שבט	טו אדר
" 14 "	כ״ג תשרי.	כ״ד חשון	כ״ד כסלו	כה טבת	כז שבט	כו אדר א
" 15 "	ה תשרי.	ו חשון	ו כסלו	ז טבת	ט שבט	ז אדר
" 16 "	ט״ו תשרי.	ט״ז חשון	י״ז כסלו	יט טבת	כא שבט	יט אדר
" 17 "	כ״ז תשרי.	כ״ח חשון	כ״ט כסלו	א שבט	ב אדר א.	ל אדר א.
" 18 "	ח תשרי.	ט חשון	ט כסלו	י טבת	יב שבט	י אדר
" 19 "	י״ז תשרי.	כ חשון	כ כסלו	כא טבת	כג שבט	כא אדר א.

אין מחזור קטן	1 אַפּריל	1 מאַי	1 יוני	1 יולי	1 אויגוסט	1 ספטמבער
דאס 1 יאָר	ד ניסן	ד אייר	ו סיון	ו תמוז	ח אב	ט אלול
" 2 "	טז ניסן	טז אייר	יח סיון	יח תמוז	כ אב	כ״א אלול
" 3 "	כה אדר ב	כו ניסן	כז אייר	כ״ח סיון	כ״ט תמוז	א אלול
" 4 "	ו ניסן	ו אייר	ח סיון	ח תמוז	י אב	י״א אלול
" 5 "	יז ניסן	יז אייר	יט סיון	י״ט תמוז	כ״א אב	כ״ב אלול
" 6 "	כט אדר ב	ל אייר	ב סיון	ב תמוז	ד אב	ה אלול
" 7 "	י ניסן	י אייר	יב סיון	י״ב תמוז	י״ד אב	ט״ו אלול
" 8 "	כא אדר ב	כב ניסן	כג אייר	כ״ד סיון	כ״ה תמוז	כ״ז אב
" 9 "	ג ניסן	ג אייר	ה סיון	ה תמוז	ז אב	ח אלול
" 10 "	יד ניסן	יד אייר	טז סיון	ט״ז תמוז	י״ח אב	י״ט אלול
" 11 "	כג אדר ב	כד ניסן	כה אייר	כ״ו סיון	כ״ז תמוז	כ״ט אב
" 12 "	ה ניסן	ה אייר	ז סיון	ז׳ תמוז	ט אב	י אלול
" 13 "	יז ניסן	יז אייר	יט סיון	י״ט תמוז	כ״א אב	כ״ב אלול
" 14 "	כז אדר ב	כח ניסן	כט אייר	ל סיון	ב אב	ג אלול
" 15 "	ט ניסן	ט אייר	יא סיון	י״א תמוז	י״ג אב	י״ד אלול
" 16 "	כא ניסן	כא אייר	כג סיון	כ״ג תמוז	כ״ה אב	כ״ו אלול
" 17 "	ב ניסן	ב אייר	ד סיון	ד״ תמוז	ו אב	ז אלול
" 18 "	יב ניסן	יב אייר	יד סיון	י״ד תמוז	ט״ז אב	י״ז אלול
" 19 "	כב אדר ב	כג ניסן	כד אייר	כ״ה סיון	כ״ו תמוז	כ״ח אב

מיר שטעלן די מאנאטן ווי זיי הייסן אין ליטוויש און פויליש.

	אין ליטוויש	אין פויליש
יאנואר	Sausis	Styczen
פעברואר	Vasaris	Luty
מערץ	Kovas	Marzec
אפריל	Balandis	Kwiecien
מאי	Gegužes	Maja
יוני	Birželis	Czerwiec
יולי	Liepos	Lipiec
אויגוסט	Rugpiūtis	Sierpien
סעפטעמבער	Rugsejis	Wrzesien
אקטאבער	Spalis	Paždziernik
נאוועמבער	Lapkritys	Listopad
דעצעמבער	Gruodis	Grudzien

* *
*

אום בעסער צו פערשטעהן דאָס וויטער געזאָגטע פאדערט זיך עטוואס בעקאַנט צו זיין, מיט די גרונדציגע פון דער אסטראנאמיע און דאס ווילן מיר דאָ אין קורצן ערק.ערן.

ביז צום מיטלאַלטער האט געהערשט אין דער וועלט די לעהרע, וועלכע דער גרויסער תוכן און אסטראנאָם פטאלמעאוס פון א.כסנדריאָ, געלעבט אין צווייטן יאָהר הונדערט, אלזאָ מיט קנאפע 18 הונדערט יאָהר צוריק האט אויפגעשטעלט. זיין סיסטעם איז בעשטאנען דארין: דער אומבעוועגליכער מיטלפונקט פון דער וועלט איז אונזער ערד און ארום איהר דרעהען זיך ארום ד׳ לבנה די זון און אלע איבריגע פלאנעטן, אין אמשך פון 24 שעה, פון מזרח צו מערב. ווי עס ווייזט אויך די מענשליכע אויג. מיר אלע זעהן, אז יעדן טאג געהט די זון אויף אין מזרח, שטייגט אלץ העכער ביז האַלבן טאָג, דאַן זינקט זי נידריגער צו מערב, ביז זי געהט אין גאַנצן אונטער, און דורך מאכענדיג איהר מהלך ארום דעם אונטערשטן האַלבקוגל, שיינט זי מאָרגן פריה ווידער אויף, כמעט אויף דעמזעלבן ארט. און אזוי אין יעדע 24 שעה מאכט דורך די זון, און אזוי אויך די אנדערע פלאנעטן, זייער קרייז ארום דער ערד, פון מזרח צו מערב.

אמת, שוין אין יענע אַלטע צייטן האבן זיך געפונען חכמים, וועלכע האָבן געפרעגט אויף די שיטה פערשיעדענע שאלות, ערשטענס ווי קומט עס, אז די אלע פלאנעטן, וואס זייער וויטקייט פון דער ערד און אויך איינער פון צווייטן איז אזוי פיעל פערשיעדן, זאלן די אלע דורכמאכן זייער רונדמארש ארום דער ערד אלע גלייך, אין אַ גלייכע צייט פון 24 שעה. צווייטענס, האבן זיי געפרעגט, וואָס איז אזוי דער יחוס פון אונזער קליינער פינסטערער ערד אז די זון און די אנדערע פלאנעטן, וועלכע זייען הונדערטער, טויזנטער מאל גרעסער פאר איהר זאלן זיך נעבעך מוזן בעמיהען און דרייען ארום איהר, און זי אליין, די ערד, זאָל זיך שטעהן אויף איין ארט אומבעוועגליך כמלך בגדוד? און נאך אנדערע פראגען עס האבן זיך אויך דאן געפונען וואס האָבן פשוט געפרעגט: ואימא איפכא, טאמער פערקעהרט? טאָמער דרעהט זיך די ערד א־ום דער זון אדער ארום אנ/אנדער גרויסען פלאנעט? דאָך ווייל זיי האבן ניט געקענט בעגרינדן זייער לעצטע פראגע מיט פעסטע בעווייזן, זייען זיי געבליבן ביי זייערע שאלות און די שיטה פון פטאלמעאוס איז געבליבן אונ-

פערענדערט. ערשט אין 16 יאהרהונדערט האט דער גרויסער אסטראנאָם ניקאלאי קאָפּערניקוס (געשטאָרבּן אין יאהר 1543.) אויפגעשטעלט אַ נייע לעהרע, געבויט אויף זיכערע יסודות, אז די מעשה איז טאקע פערקערט. די גרויסע ליכטיגע זון שטעהט אויף איין ארט אונבּעוועגליך, און די אלע פלאנעטן, ווי אויך די ערד וואס איז ניט מעהר ווי אַ שטערן, דרעהען זיך ארום איהר. די קאטוילי-שע גייסטליכע האבּן אפילו געזעהן אין זיין לעהרע, אסתירה צו די לעהרען פון זייער אמונה, און האָבּן איהם אויך דן געווען צו פערבּרענען אלס אפיקורס דאָך איז זיין לעהרע אנגענומען געווארן און פון אלע אסטראָנאָמען אנערקענט, געוואָרן אלס ריכטיק. זיין לעהרע בּעשטעהט דאריין: דער מיטלפּונקט פון די אלע פלאנעטן, כוכבי לכת, בּעוועגליכע שטערן, איז די גרויסע, ליכט=און ווארם געבּענדע זון וועלכע שטעהט אויף איין אָרט זי דרעהט זיך מיט די אלע פלאנעטן, אבּער נאר ארום זיך, ארום איהר אקסע, און די איבּעריגע פלאנעטן דארונטער אויך די ערד, דרעהען זיך ארום איהר פון מערב צו מזרח. און וואס אונז דאכט זיך פערקערט, נארט אונז אונזער אויג. אויך דער וואס זיצט אין אַ אייזענבּאהן וואגאן מיינט, דורך דעם פענסטער קוקענדיק, אז די ערד בּוימער און טעלעגראף שטאנגען לויפן שנעל דעם וואגאן פארבּיי, און ער שטעהט. און אזוי אין אשיף פארענדיק, דאכט זיך אז דער ים געהט און די שיף שטעהט אויף איין ארט.

די לעזער דארפן וויסן, אז דא ווערט נאר גערעדט פון די פלאנעטן, כוכבי לכת, וועלכע אונטערליעגן די אַנציהונגס-קראפט פון דער זון און ווערן פון איר בּעהערשט. אבּער ניט פון יענע שטעהענדע שטערן, כוכבי שבת, וואס שטעהן אויף איין ארט כמעט אונבּעוועגליך יענע זייען פיעל וויטער און גרעסער אלס אונזערע פלאנעטן, יענע זייען וועלטן און זונען פאר זיך. דער נעהענסטער פון זיי, איז 4000 מיליאן מייל ווייט פון אונז, דאס איז מיט 2000 מאהל וויטער אלס די זון. און די אנדערע זייען נאָך פיעל, פיעל וויטער, וואס אויך מיט די גרויסע אסטראנאָמישע טעלעסקאפּן זעהט מען זיי קוים, און וויפיעל זעהט מען נאך גארניט! און זעהן זעהט מען שוין וויט גענוג לעצטענס איז געווען צו לעזן, אז דורך דעם גרעסטן טעלעסקאפּ וואס די וועלט האט, וועלכער געפינט זיך אין דער אבסערוואטאריום פון מאָנט ווילסאן אין אמעריקע, זעהט מען שטערן וועלכע זייען ווייט פון אונז 700,000 ליכט יאָהר: *)

אַזוי ווייט זעהט מען שוין און נאָך איז קיין ברעג ניטאָ. עס ווערט געפּלאַנט צו בּויען גרעסערע אבסערוואַטאָריום׳ס מיט פיעל גרעסערע טעלעס=

*] אַ ליכט-יאָהר הייסט, דער מהלך וואָס די ליכט שטראהלן לויפן דורך אין אַ יאהר צייט. ווי בּע-וואוסט, לויפט אַ ליכט שטראהל 300 טויזענד קילאמעטער אין אַ סעקונדע ווען מען דאפּעלט דעם צי-פּער מיט דער צאל סעקונדן פון אַ יאהר, קריגט מען אַ ציפער, 9,467,282 מיליאן קילאמעטער. און דאָס איז נאָר איין ליכט יאָהר. זייט זשע מוטל און דאַפּעלט אט דעם ריעזיגן ציפער אויף 700.000!

קאַפּן, אום מען זאָל קענען נאָך ווייטער זעהן, און קיין ברעג וועט דאָך ניט זיין. ניטאָ קיין ברעג, אין סוף! גדולים מעשי אלקינו, ואין חקר לתבונתו!

דער שטערן „קאסטאר" איז 300 מיליאָן מאָל גרעסער אָלס די זון. פון מאַנכע שטערן אויף די זון קוקענדיג, זעהט זיך די זון קליין, ווי אַ זאַמד־שטויב!

און ווייסן ווייסן מיר אַז די זון איז בעצם ניט אַזוי קליין ווי זי זעהט זיך אונז אויס. אום זיך אַ בעגריף צו מאַכען ווי גרויס די זון איז, קען מען זיך פאַרשטעלן, ווען מען זאָל קענען בעשאַפן יעדע סעקונדע, אַ שטיק חומר פון 1 קוביקמייל, דאָס הייסט אַזאַ גרויסע שטיק, וואָס האַלט אין אלע 6 זייטן, לענג, ברייט און הויך צו אַ מייל, וועט אַוועק געהן 106 מיליאָן יאָהר ביז מען וועט בעשאַפן די גרויס פון דער זון! מיר וועלן עס מאַכן שנעלער, מיר וועלן פון די זון אָבּרייסן יעדע סעקונדע אַ שטיק פון 3 קוביקמייל, וועלן מיר צו די לעצטע שטיק דאָך ערשט אָנקומען אין 35 מיליאָן יאָהר ארום.

עס ווילט זיך פרעגן, וואו איז דאָך דער ברעג, און וואָס איז הינטער דעם ברעג? קען מען נאָר בלייבן ביים פרעגן, די אנטוואָרט דאַרויף איז פאַר דעם מענשליכען שכל אויף אייביג פאַרשלאָסן. אַזוי ווי דער מענש קען ניט און וועט ניט דערגעהן, וואָס איז געווען פאַר דעם אָנפאַנג, און וואָס וועט זיין נאָך די ענדע? דער מענש מיט זיין פאַרשטאַנד איז בעגרענעצט אין אָרט און צייט. וואָס עס איז איבער די צוויי בעגריפן „אָרט" און „צייט" דאַרטן קען דער מענש מיט זיין שכל ניט צוקומען און עס ניט ערפאָרשן. און דאַריבער האָבן אונזערע חז״ל די חקירות איבער זאלכע פראַגן שוין לאנג פאַרבאָטן, מהל מעלה מה למטה, מה לפנים ומה לאחור איז דער מענש ניט אימשטאַנד אויפצוקלערן און צו ווייסן. (חגיגה י״א)

דאַריבער וועגן יענע וועלטן לוינט שוין גאָרניט צו רעדן. מיר וויכן זיך נאָר אַ ביסל בעקאַנט מאַכן מיט דעם רוים, מיט דעם שטח, וואָס אונטער־ליעגט אונטער די אַזוי גערופענע זונען־סיסטעם, ווי וויט די זון בעווירקט מיט איהר צוציהונגס־קראַפט. אַזוי קורץ ווי מעגליך, ווי מיר וועלן באַלד זיך בעקענען איז דער שטח אויך ניט גאַנץ קליין. אלזאָ מיר פאַנגען אָן, נאַטיר־ליך, מיט דעם מיטלפונקט.

די זון, דאָס איז אַ אונגעהויער גרויסע פייער מאַסע, איהר דורכמעסער איז 1,387,000 קילאָמעטער. דאָס מיינט: ווען מען וויל איר דורכשטעכן מיט אַ שפּיז פון איין זייט צום דעם צווייטן זייט דורך, דאַרף מען האָבן אַזאַ לאַנגען שפּיז, איהר אומפאַנג ארום געמאָסטן האַלט 4,359,300 קי׳ אָמעטער. איהר אָבערפלעכע איז 12 טויזענד מאָל גרעסער א׳ס די ערד.

ארום דער זון דרעהען זיך די פּלאַנעטן לויט דער אָרדנונג.

1. ככב=מערקור. ווייט פון דער זון 8 מיליאָן מייל. זיין דורכמעסער איז 4900 קילאָמעטער. זיין אומדרעהונג אַרום זיך אין 24 שעה 5 מינוט. אַרום דער זון אין 88 טעג.

2. נגה=ווענוס. ווייט פון דער זון 15 מיליאָן מייל. דורכמעסער 12200 קילאָמעטער. אַרום דער זון אין 224 טעג.

3. ארץ=אונזער זונדיגע ערד. ווייט פון דער זון 19 אַהאַלב מיליאָן מייל. דורכמעסער האַלט 12,700 קילאָמעטער. אומדרעהונג אַרום זיך אין 23 שעה 56 מינוט, אַרום דער זון 365 טעג, 5 שעה 49 מינוט. 1 לבנה בעגלייטונג וואָס איז ווייט פון איר 51,800 מייל, און האָט אַ דורכמעסער פון 3480 קילאָ=מעטער.

4. מאדים=מאַרס. ווייט פון דער זון 32 מיליאָן מייל. דורכמעסער 6700 קילאָמעטער. אומדרעהונג אַרום זיך אין 24 שעה 37 מינוט. אַרום דער זון אין 686 טעג. 6 לבנות=בעגלייטונג.

דאָן דרעהען זיך אַרום דער זון איבער 200 קלענערע פּלאַנעטן, און פערשידענע מרחקים.

5. צדק=יופיטער, ווייט פון דער זון 107 אַ האַלב מיליאָן מייל, דורכ=מעסער 143,800 קילאָמעטער זיין אומדרעהונג ארום זיך אין 9 שעה 55 מינוט. ארום דער זון אין 11 יאָהר 314 טעג, און האָט 4 לבנות=בעגלייטונג.

6. שבתאי=סאַטורן, ווייט פון דער זון 197 מיליאָן מייל, דורכמעסער 120,000 קילאָמעטער אומדרעהונג ארום זיך אין 10 שעה 14 מינוט. ארום דער זון אין 29 יאָהר 167 טעג. 8 לבנות= בעגלייטונג.

7. אוראנוס. ענטדעקט פון ענגלישן אסטראָנאָם הערשעל אין יאָהר 1781 ווייט פון דער זון 396 מיליאָן מייל, דורכמעסער 60,000 קילאָמעטער, אומדרעהינג ארום דער זון אין 84 יאָהר 8 טעג. 4 לבנות=בעגלייטונג.

8. נעפּטון. ענטדעקט פון פראנצויזישן אסטראָנאָם לעווערייע אין יאָהר 1846. ווייט פון דער זון 620 מיליאָן מייל דורכמעסער 55.000 קל״מ: אומדרע=הונג ארום דער זון אין 164 יאָהר און האָט 2 לבנות בעגלייטונג.

אָט די 8 גרויסע פּלאַנעטן, לערך גענן די נאָך פיער אנדערע קלענע=רע פון זיי, מאכען אלע צוזאמען זייער שטענדיגע אונאויפהערליכע רונדרייזע

ארום דער זון פון מערב צו מזרח. אנ׳אויסנאהמע דארין מאכן 2 לבנות פון די 8 וועלכע בעגלייטן דעם פלאנעט סאטורן, וועלכע מאכן, איבער אונז נאָך ניט אויפגעקלערטע אורזאכע, זייער וועג פון מזרח צו מערב, ווילן מיר זיך פאָר־שטעלן די זאך קלערער, דענקען מיר אונז, 8 רייפן איינע איבער די אנדערע אין פערשיעדענע מרחקים, דרעהען זיך ארום איין גרויסן פונקט, וועלכער געפינט זיך אינמיטן פון דעם ק׳ענסטען אינעווייניגסטען רייף. דאבײ מוז צוגע־לייך בעמערקט ווערן, אז די אלע קרייזן זייען ניט עכט רונד, נאָר לענגליך, אזוי אז מאנכע מאָל קומען זיי נעהענטער צו דער זון, און מאנכע מאָל וויימער.

אונז אינטערעסירט נאָר, זיך גענויער צו באקענען, מיט די באוועגונגען פון דער ערד ארום זיך אליין, און ארום דער זון.

די פערענדערונגען אויף דער ערד.

ווי שוין אויבן איז געזאָגט, איז די ערד ווי אלע איבעריגע פלאנעטן א רונדער באל. אונזער חז״ל האָבן שוין לאנג געזאָגט לויט זייערע אונעררייכבא־רע ידיעות אין אלעס, אז קיין זאך איז ניט בעשאפן געוואָרן פיערקאנטיק. (ירושלמי נדרים פרק ג׳) נאָר גאנץ רונד איז זי ניט, פון צפון צו דרום איז זי עטוואָס קלענער אלס ווי פון מזרח צו מערב׳ ווי עס וועט ווייטער גע־נויער בעשריעבן ווערן. אום צו קענען בעצייכענען א געוויסן שטח אויף אזא גרויסן באל, האָט מען זיך פאָרגעשטעלט, ווי ליניעס וואָלטן זיין געצויגן ארום איהר, הן אין דער לענג פון מזרח צו מערב, הן אין דער ברייט פון צפון צו דרום.

דיביידע קלענסטע פונקטן פון דעם ערדבאל, אין צפון און אין דרום הייסן פאָלען. אין לשון הקודש צירים, די ברעגעס פון א אקס. מיר שטעלן אונז פאָר, ווי אויף איהם אויף דעם אקס׳ דרעהט זיך די ערד ארום, אזוי ווי א ראָד דרעהט זיך ארום זיין אקס. פון מערב צו מזרח. אין רעכטן מיטן פון דעם באל, צווישן די ביידע ברעגעס פון אקס. האָט מען זיך געצויגן א ליניע וועלכע נעהמט ארום דעם באל, און טיילט איהם אויף צוויי גלייכע העלפטען. אנארדליכן, צפון־דיגן העלפט, און א זידליכן, דרום־דיגן העלפט. די ליניע הייסט עקוואטאָר, אין לשון קודש קו השוה. פון דעם עקוואטאָר האָט מען זיך פאָרגעשטעלט נאָך צו 90 ליניעס געצויגען אויף יעדער זייט, 90 ליניעס ביז צום נאָרדפאָל, ציר הצפוני, אגן 90 ליניעס ביז צום זידפאָל, ציר הדרומי. אזוי אויף דעם אויבערשטן האלב קוגל און אזוי אויף דעם אונטערשטן האלב קוגל. אין גאנצן אלזא 180 ליניעס, די ליניעס הייסן פאראלעלקרייזן, ווייל זיי

געהן פאראלעל, גלייך געצויגן מיט דעם עקוואטאָר. אָדער ברייטע גראדען דיען ניי צייגן אָן אין וועלכן גראד פון דער ברייט פון באל דער אָדער יענער אָרט געפינט זיך, אויב צו צפון אָדער צו דרום. דאמיט אליין איז מען נאָך אָבער ניט יוצא, מען דארף דאָך אויך וויסן אין וועלכן אָרט יעדער שטח געפינט זיך אין די לענג פון באל, דארום האָט מען זיך אויך פאָרגעשטעלט געצויגענע ליניעס פון פאָל צו פאָל, וועלכע דורכקרייצן דעם עקוואטאָ · ארום דעם באל ארום, האָט מען זיך געצויגן זאָלכע 360 ליניעס, וועלכע הייסן מערידיאנען, אָדער לענגע-גראדן, ווייל זיי בעצייכענען, יעדן שטח וואו ער געפינט זיך אין די לענג פון ערדבאל פון מזרח צו מערב. נאָך אזא חלוקה איז שוין פיעל לייכטער צו בעצייכענען יעדן שטח וואו ער געפינט זיך אין דער לענג פון ערד באל און אין זיין ברייט, די ערדאָבערפלעכע רעכענט זיך 5400 מייל. דעם ציפער געטיילט דורך 360, דעם צאָל פון די ליניעס, מאכט אויס 15, דאָס הייסט פון איין גראד ביז צום אנדערן איז א שטח פון 15, מייל, דאמיט איז מען נאָך ניט צופריעדן געבליבן, דער שטח פון 15 מייל איז נאָך צו גרויס אום אָנצוגעבן ריכטיק וואו א געוויסער אָרט געפינט זיך, האָט מען יעדן גראד ווידער געטיילט אין 60 מינוטן מיט דעם צייכן און יעדע מינוט ווידער אין 60 סעקונדן מיטן צייכן״ ווען מיר בעצייכענען אלזאָ א געוויסן אָרט, אז ער געפינט זיך אין. 8״, 7׳, 25^0 לענגע, הייסט דאס אז ער איז אויף דעם 25סטן לענגע גראד מיט 7 מינוטן און 8 סעקונדן. און מיר וויסן גענוי וואו דער ארט ליעגט, נאטירליך מוז דאביי אויך אנגעגעבן ווערן דער ברייטעגראד און אויף וועלכע העלפט, צו נארדליך אדער זידליך.

אַזוי ווי דער ערדבאל דרייט זיך ארום זיינע פאלן אין 24 שעה און דאך נאר די זייט וועלכע עס איז געווענדעט צו דער זון, ווערט פון איהר בעלייכטעט און ערווארעמט איז לייכט צו פערשטעהן אז יעדער גראד וואס ליגט מעהר צו מזרח אסטליך קריגט די זונען ליכטיגקייט מיט 4 מינוטן פריהער, אלס ווי יענער גראד וועלכער ליגט הינטער איהם מעהר וועסטליך, צו מערב. דער חשבון איז איינפאך, אין 24 שעה איז דאָ 1440 מינוטן. דעם ציפער געטיילט דורך 360 דעם צאָהל גראַדן ארום דעם ערדבאל, קומט אויס צו 4 מינוט אויף אַ גראד. אזוי איז, ווי געזאגט, יעדער ארט וואס ליעגט מיט אַ גראד נעהנטער צו מזרח ווערט דארטן ליכטיג מיט 4 מינוט פריהער אלס אין יענעם ארט וואס געפינט מיט א גראד הינטער איהם נענטער צו מערב · דע די ערד דרעהט זיך ארום זיך אליין פון מערב צו מזרח. און אזוי ווערט אויך אים דעם אָרט מיט 4 מינוט פריהער פינסטער, נאכט, אלס אין יענעם ארט וואס ליגט הינטער איהם מעהר צו מערב וועסטליך, צווישן איין ארט און דעם אנדערן, וואָס ליעגן ווייט איינער פון צווייטן מיט גאַנצע 15 לענגע גראדן, איז דער אונטערשיעד אין דער זון אויפגאַנג און אונטער-

גאנג אין אַ גאַנצע שעה. 15 גראד צו 4 מינוט מאכט אויס 1 שעה.

דאס איז לייכט צו פארשטיין. מיר וועלן געהן ווייטער. און בעטראכטן צוגלייך דעם יאהרליכן קרייז פון דער ערד ארום דער זון, דען פון דעם קרייז ענשטעהען די אונטערשיעדן אין די לענג פון טעג און נעכט, אין יעדן ארט, און אזוי אויך די אקלים ענדערונג, די וויטערונגען אין יעדע יאהרעס צייט.

דער קרייז וואָס די ערד מאכט ארום דער זון אין פערלויף פון 365 טעג 5 שעה מיט 49 מינוטן, וואס הייסט יאהר, איז ניט אלע טאג גלייך דאָס וויל זאָגן, אז די ערד מאכט ניט איהר קרייז ארום דער זון אין א גראדע ליניע. אַז איהר מיטלפונקט דער עקוואטאר זאָל אלע מאל אויסקומען גראד געגן דער זון נייִן זי געהט איהר וועג קרום, געבויגן. נאָר אין די 2 טעג אין יאָהר אין תקופת ניסן און אין תקופת תשרי שטעהט דער עקוואטאָר גראד אונטער דער זון, וואס דאן איז גלייך דער טאג מיט די נאַכט, יעדע צו 12 שעה. נאָך תקופת ניסן, מאַכט שוין די ערד איהר מהלך מיט יעדן טאג אלץ מעהר צו דרום אזוי אז די זונען שטראלן בעלייכטן און ערוואַרמען אלץ מעהר דעם צפון'דיגן האלב קוגל. פאר אונז וואָס לעבן אין אייראפא, וועלכע געפינט זיך אויף דעם צפון'דיקן האלב קוגל, ווערן די טעג אלץ לענגער די נעכט קירצער דער אקלים ווארעמער, דער זומער קומט, אין אפריקא דאגעגן וועלכע ליעגט אויף דעם דרום'דיקן האלבקוגל ווערן די טעג קירצער, די נעכט לענגער, דער אקלים קעלטער, נאַטירליך וואָס נעענטער מען געפינט זיך צום עקוואטאָר איז אלץ דער טאָג לענגער און דער אקלים וואַרעמער וואס ווייטער פון עקוואטאָר און נענטער צו די פאָלען, צו די צירים, איז דער טאָג קירצער, דער אַקלים קעלטער. און אזוי געהט די ערד אין יענע צייט פון תקופת ניסן אָן, מיט יעדן טאָג אלץ ווייטער צו דרום. ביז צו דעם טאָג, פון תקופת תמוז דאן מאַכט זי איהר לעצטן קרייז אויף דרום' וואָס גרייכט ביז 23 אַהאלב גראַד אין דרום, די זון גרייכט ביז צו 23 אַהאלב גראַד אין צפון. דאן איז ביי אונז אין אייראפא דער יום הארוך, דער לענגסטער טאָג פון יאָהר אין אפריקע דאגעגן איז יענער טאָג דער יום הקצר דער קירצטער פון תקופות תמוז אָן, פאַנגט אָן די ערד צו געהן צוריק, מיט יעדן טאָג אַלץ מעהר צו צפון, די זון אלץ מעהר צו דרום, ביז צום טאָג פון תקופת תשרי. וואָס דאן שטעהט זי ווידער מיט איהר מיטל פונקט, מיט דעם עקוואטאָר, גראד געגן דער זון, דאן איז ווידער דאָ דער יום השוה, דער טאָג מיט די נאכט גלייך. פון תקופת תשרי אָן געהט די ערד אלץ ווייטער צו צפון, די זון קומט שוין אויס אלץ מעהר צו דרום, ביי אונז ווערן די טעג קירצער, די נעכט לענגער דער אקלים קעלטער, אין אפריקא פערקעהרט די טעג אַלץ לענגער, די נעכט קירצער, דער אקלים ווארעמער. ביז צום טאָג פון תקופת טבת, וואָס דאן ערגרייכט די ערד איהר לעצטן פונקט אויף

דעם נאָרדליכן, צפון־דיגן האלב קוגל, וועלכער איז 23 אהאלב גראד אין צפון. די זון קומט דאן צו ביז 23 אהא׳ב גראד אין דרום, און יענער טאָג איז ביי אונז דער קירצטער, די נאכט די לענגסטע. און יענעם דרום־דיגן האלבקוגל איז פערקעהרט דער לענגסטער טאָג, פון דאן אָן פאנגט די ערד מאכן איהר צוריקרייזע. צו דרום. און אזוי איז יעדעם יאָהר. דאָס זייען די ארבע תקופות השנה. תקופת ניסן ותקופת תשרי, דאן שטעהט דיזון גראד געגן עקוואטאָר, תקופת תמוז דאן ערדייכט די זון 23 אהאלב גראד אין צפון און תקופת טבת עררייכט די זון 23 אהא׳ב גראד אין דרום. מיט וויפיעל דער טאָג ווערט לייגער אויף איין האלב קוגל מיט אזויפיעל ווערט ער קירצער אויף דעם צווייטן, און אזוי פערקערט. *)

די זון זעהט זיך, און בעווירקט, אויף 90 ברייטע גראדן, דאריעבער איז אין תקופת ניסן און תקופת תשרי, וואָס דאן שטעהט זי געגן עקוואטאָר אויך ליכטיג אויף די פא׳ן וויל פון עקוואטאָר ביז צו די פאָלן איז ריכטיג 90 גראד, אין תקופת תמוז אָבער וען זי שטעהט אויף דעם 23 אהאלב ברייטע גראד צו צפון איז פינסטער ביים זידפאָל, ציר הדרומי, און אין תקופת טבת וועון זי שטעהט געגן דעם גראד 23 א האלב אין דרום, איז פינסטער ביים נאָרד־פאָל, ציר הצפוני אזוי אז גאנצע מאָנאטן איז ביי די פאָלען נאכט. דורך דאָס אויבן געזאגטע, ווערט קלאָר אז דער גאנצער ערד קוגל קען צוטיילט ווערן אין 3 פערשיעדענע אקלימען, צאָנען. די הייסע צאָנע בעשטעהט פון 47 ברייטעגראדן, צו 23 א האלב גראד אויף יעדן האלבקוגל פון דאָ ביז 66 אהא׳ב גראד, וועט הייסן די מיטעלע צאָנע, וויל אויך דאן, ווען די זון געפינט זיך אויף דעם לעצטן פונקט, בעהערשט זי נאָך 66 א האלב גראד פון צווייטן הא׳בקוגל 23 א האלב מיט 66 א הא׳ב מאכט 90, וואָס דאָס איז דער בעהערשונג געביט פון דער זון. פון 66 א האלב ביז 90 גראד אויף יעדן האלבקוגל הייסט די קא׳טע צאָנע. אין די הייסע צאָנע איז אגאנצן יאָהר היים ק׳יינע פערענדערונגן אין דער צייט פון טאָג און נאכט, וועלכע זייען כמעט דאָס גאנצע יאָהר גלייך צו 12 שעה. די מיטעלע צאָנע האָט אין משך פון יאָהר 4 פערשיעדענע אק׳ימען, פרילינג, זומער הערבסט און ווינטער, אזוי אויך די לענגע פון די טעג און נעכט פערענדערן זיך. און קאלטע צאנע וועלכע עס ליידן כמעט דאָס גאנצע יאָר שרעקליכע קע׳טן.

פון דאָס אלעס אויבן געזאָגטע, איז צו זעהן אז די ענדערונג פון טאָג און נאכט ענשטעהט דורכדעם, וואָס די ערד דרעהט זיך ארום אירע אקסען. די ׳יינג פון טאָג און נאכט און אזוי אויך די אק׳ים ענדערונגען ענשטעהן פון דער ערד אומלויף ארום דער זון.

*) 21 ספטמבר און 22. מערץ זייען טאָג און נאכט גלייך. 22 דצמבער יום הקצר. 21, יוני יום הארוך.

בּיים ענדע לאָמיר אַביסל גענויער אַ מאָס נעהמען אונזער ערד־קוגל דער עקוואַטאָר וואָס נעמט אַרום דעם ערד קוגל פון מזרח נאָך מערב האלט 40070 קילאמעטער. פון צפון צו דרום די ערד ארום גענומען האלט 40003 קילאמעטער. איהר אָבערפלעכע האלט 509,950,714 קוואַדראַט מעטער דאַפון וואסער 365,518,654 קוו. מעטער: יבשה האָט זי נאָר 144,432,050 קוו. מעטער צוטיילט אין 5 ערדטיילן: אַזיען 44,181,799 קוו. מעטר. אמעריקא 38,720,354 אפריקא 29,998,473 קוו. מעטר: אייראָפּאַ 9,907,477 קוו. מעטר: אויסטראַליען 8,954,437 קוו. מעטר: ביי די פּאָלען יבשה 12,669,510 קוו. מעטר:

בּיי אונז איז געווען אויסגעשטעלט פערשיעדענע טאַבעלן פון זריחת החמה ושקיעתה אין פערשיעדענע אופקים, ווי אויך די אַנדערע זמנים פון חלוק היום לויט די דינים צו יעדע מצוה, פון די מצות התלויות בשעות וחלקי היום. לויט ווי מיר האָבּן נאָך פיעל מיה ארויסגענומען פון פערשיע־דענע אסטראנאָמישע הילפסביכער, דאָס אַלעס איז אָבער געווען אויסגערעכנט נאָך די אַלטע, פאַר מלחמה צייט לעצטענס האָבּן מיר געהערט אַז אין פּוילן, וואו דער גרעסטער אידישער קבוץ אין אייראָפּא געפינט זיך, כן ירבה, איז פון דער רעגירונג איינגעפיהרט געוואָרן די מיטל אייראָפּעאישע צייט נית האָבּענדיג די מעגליכקייט צו קאָנטראָלירן און דאָס אַלעס איבער צו מאַכן לויט די נייע אָיינגעפיהרטע צייט. און ניט וועלענדיק זיין אַ מכשיל את הרבים מוזן מיר זיך בעגנוגן מיט אָנגעבּען די זמני השקיעות אליין, לויט ווי זיי זייען אָנגעגעבּן אין די לוחות פון יענע ערטער. נאַטירליך איבּערנעהמען מיר נית די אחריות פאַר די פינקליכקייט ווייל מיר האָבּן געפונען אז די זמנים אין פערשיעדענע לוחות פון איין און דעמזעלבּן אָרט, שטימען אויך נית פינטליך מיט איינאנדער. און אזוי אויך האָבּן מיר נית געפונען פאַר מעגליך צו שטעלן די אַנדערע דינים וואָס זייען נוגע צו די מצות התלויות בזמן, יעדער איד וועט געוויס נית וואַרטן צו טאָן יעדע מצוה ביז די לעצטע צייט, נאָר זעהן מקיים צו זיין יעדע מצוה בזמנה, אין אַזאַ צייט וואָס מען איז געוויס יוצא מידי כל ספק און אלעס להחמיר ולא להקל.

דאַטום	אופק ווילנא מיט אייר צייט שקיעה	אופק וואַרשא מיט אייר צייט שקיעה	אופק ריגא אָרט זייגער שקיעה
7 יאַנוו.	7 אויף 4	36 אויף 4	57 אויף 4
14 „	18 „ 4	49 „ 4	9 „ 5
21 „	31 „ 4	— „ 4	23 „ 5
28 „	45 „ 4	12 „ 5	38 „ 5
4 פעבר	59 „ 4	25 „ 5	54 „ 5
11 „	14 „ 5	39 „ 5	10 „ 6
18 „	29 „ 5	51 „ 5	26 „ 6
25 „	43 „ 5	2 „ 6	42 „ 6
4 מער.	57 „ 5	15 „ 6	58 „ 6
11 „	11 „ 6	28 „ 6	13 „ 7
18 „	24 „ 6	42 „ 6	28 „ 7
25 „	38 „ 6	55 „ 6	43 „ 7
1 אַפר.	52 „ 6	7 „ 7	58 „ 7
8 „	6 „ 7	17 „ 7	12 „ 8
15 „	18 „ 7	31 „ 7	27 „ 8
22 „	31 „ 7	43 „ 7	42 „ 8
29 „	45 „ 7	55 „ 7	57 „ 8
6 מאַי.	59 „ 7	4 „ 8	12 „ 9
13 „	11 „ 8	16 „ 8	26 „ 9

דאַטום	אופק ווילנאַ מיט אייר צייט שקיעה	אופק וואַרשא מיט אייר צייט שקיעה	אופק ריגא אָרט זייגער שקיעה
20 מאַי	23 אויף 8	27 אויף 8	40 אויף 9
27 „	34 „ 8	38 „ 8	52 „ 9
3 יוני	43 „ 8	46 „ 8	2 „ 10
10 „	50 „ 8	53 „ 8	11 „ 10
17 „	55 „ 8	57 „ 8	17 „ 10
24 „	55 „ 8	58 „ 8	19 „ 10
1 יולי	53 „ 8	57 „ 8	18 „ 10
8 „	51 „ 8	56 „ 8	13 „ 10
15 „	44 „ 8	50 „ 8	5 „ 10
22 „	36 „ 8	41 „ 8	56 „ 9
29 „	23 „ 8	33 „ 8	42 „ 9
5 אויג.	12 „ 8	22 „ 8	29 „ 9
12 „	57 „ 7	6 „ 8	13 „ 9
19 „	43 „ 7	53 „ 7	56 „ 8
26 „	27 „ 7	39 „ 7	38 „ 8
2 ספּט.	8 „ 7	23 „ 7	20 „ 8
9 „	50 „ 6	7 „ 7	1 „ 8
16 „	35 „ 6	49 „ 6	41 „ 7
23 „	21 „ 6	39 „ 6	27 „ 7
28 סעפּ.	2 אויף 6	21 אָויף 6	8 אַויף 7

דאטום	אופק ווילנא מיט איער צייט שקיעה	אופק ווארשא מיט איער צייט שקיעה	אופק ריגא אָרט זייגר שקיעה
1 אָקט.	5 „ 57	6 „ 14	6 „ —
„ 8	5 „ 40	6 „ 1	6 „ 42
„ 15	5 „ 21	5 „ 43	6 „ 23
„ 22	5 „ 5	5 „ 29	6 „ 5
„ 29	4 „ 49	5 „ 14	5 „ 48
5 נאָוו.	4 „ 35	5 „ 1	5 „ 32
„ 12	4 „ 22	4 „ 49	5 „ 17
„ 19	4 „ 11	4 „ 38	5 „ 4
„ 26	4 „ 1	4 „ 31	4 „ 54
3 דעצ.	3 „ 54	4 „ 25	4 „ 45
„ 10	3 „ 51	4 „ 22	4 „ 41
„ 17	3 „ 49	4 „ 21	4 „ 39
„ 24	3 „ 52	4 „ 20	4 „ 42
„ 31	3 „ 59	4 „ 20	4 „ 48

ציון לנפש חיה

במשך ימי הדפסת הספר, ביום ש״ק ואתחנן, ט״ו מנחם אב תרפ״ז, מתה עלי אמי מורתי הרבנית הצדקת, המפורסמת ביראתה את ד׳, בטוב לבה ובמדותיה הנע׳ות, נצר מגזע היחש

מרת חיה בת הרב הגאון ר׳ צבי ראלבא זצ״ל, הכ״מ.

הגאב״ד דעיר צאבעלן, לעטלאנד, כבת ע״ט היתה במותה. תנוח בשלום על משכבה ותעמוד לגורלה לקץ הימין.

ת נ צ ב ״ ה.

בשם כל בני משפחתה ויודעיה, בנה, המתאבל עליה ז״ל, לפ״ק.

זכרונות.

תשרי

א. בעשאפן געוואָרן אדם און חוה. געשטאָרבן אין קיעוו הגאון ר׳ מאיר ליבוש מלבי״ם, תר״מ.

ב. געטויט געוואָרן גדליה בן אחיקם ג״א של״ט.

ג. געשטאָרבן הגאון ר׳ ישראל ליפשיץ בעל „תפארת ישראל״, תרכ״ה.

ד. געשטאָרבן אין ווילנא הגאון ר׳ אברהם דאַנציג, בעל „חיי אדם״ תקפ״א.

י. יום כפור, אברהם אבינו זיך מל געווען ב״א מ״ז. משה רבנו קומט פון בארג סיני מיט די צווייטע לוחות ב״א תמ״ח; דער תנא ר׳ עקיבא ווערט געטויט על קדוש השם, ג״א תתצ״ה. געשטאָרבן החוקר ר׳ שמואל דוד לוצאַטי, שד״ל, 66 יאָהר אלט, אין פאַדואַה, תרכ״ו.

יג. געשטאָרבן הגאון ר׳ עקיבא איגר, 76 יאָהר אַלט, תקצ״ח. געשטאָרבן הגאון ר׳ חיים ברלין, אין ירושלים תרע״ג.

טו. געשטאָרבן החוקר ר׳ יוסף שמואל, יש״ר מקנדיאה, תט״ז.

יז. געשטאָרבן הגאון ר׳ משולם מאיגרא, תקמ״ט.

יח. געשטאָרבן הצדיק ר׳ נחמן, אדמו״ר אין בראצלאַוו.

כ. געשטאָרבן הגאון רבי ר׳ העשיל, תכ״ד.

כד. געשטאָרבן הגאון האדמו״ר ר׳ לוי יצחק מבארדיטשעוו. תק״ע.

כה. געשטאָרבן הגאון ר׳ משה סופר, בעל „חתם סופר״ ת״ר.

כח. געשטאָרבן שמעון הצדיק, ג״א תמ״ח.

ל. געשטאָרבן הגאון ר׳ צבי חיות מזאָלקאָוו, גאַליציען, תרט״ז.

מרחשון

ג. געשטאָרבן אין ירושלים הגאון הצדיק ר׳ זונדל סאַלאַנטער תרכ״ו.

ח. געשטאָרבן השר דון יצחק אברבנאל, 71 יאָהר אַלט. רס״ח.

יד. געשטאָרבן שאר בשרי הגאון ר׳ הלל ליפשיץ רב אין לובלין, תרס״ח.

כב. געשטאָרבן הגאון בעל „לבושי שרד״, תק״ע.

כה. געשטאָרבן אין ארץ ישראל ר׳ מרדכי גימפל יפה, תרנ״ג.

כח. געשטאָרבן אין טאָלעדא החסיד רבנו יונה, כ״ג.

כסלו

א. געשטאָרבן אין לובלין הגאון ר׳ שלום שכנא, שי״ט.

יא. געשטאָרבן שאר בשרי, הגאון ר׳ דוב זאב ליפשיץ מסרעדניק, תרס״א.

יג. געשטאָרבן החוקר ר׳ עזריה מן האדומים, בעל „מאור עינים״ של״ח

יט. בעפרייט געוואָרן פון תפיסה הגאון האדמו״ר ר׳ שניאור זלמן בעל „תניא״ תקנ״ז.

כו. געשטאָרבן הראב״ד בעל ההשגות על הרי״ף והרמב״ם, ד״א תתקנ״ט.

טבת

א. גלות יכניה מלך יהודה. ג״א של״ח. געשטאָרבן הגאון ר׳ שמעון יאיר חיים בכרך בעל „חות יאיר״, תס״ב.

ג. געשטאָרבן הגאון ר׳ משה שאַפּיראָ, רב אין ריגאַ, תרע״א.

ד. געשטאָרבן הגאון ר׳ יצחק אייזיק שאַפּיראָ רב אין סלאָנים, אֲבי הנ״ל, תרל״ג.

ח. געשטאָרבן הרב החכם ר׳ מתתיהו שטראַשון מווילנאַ. 68 יאָהר אַלט תר״מו.

ח. איבערזעצט געוואָרן די תורה אויף גריכיש, ג״א. ת״ס.

ט. געשטאָרבן עזרא און נחמיה.

יא. געשטאָרבן אין ווילנאַ הרב החכם ר׳ שמואל יוסף פון 72 יאָהר אַלט. תרנ״א.

יג. געשטאָרבן הרב המגיד ר׳ יעקב קראַנץ, דער דובנער מגיד, תקס״ה

יח. ערמאָרדעט דעם ראש גולה רב הונא בר מר זוטרא, ד״א רמ״א.

כא. געשטאָרבן הגאון ר, שמואל דער לעצטער רב אין ווילנא, תקנ״א. געשטאָרבן הגאון ר׳ נתן אדלער הכהן, רב אין פראנקפורט, תקס״ג.

כד. געשטארבן הגאון האדמו״ר ר׳ שניאור זלמן בעד „התניא״ 62 יאָר אלט תקע״ג.

כו. געשטאָרבן הגאון המקובל ר׳ חיים יוסף דוד אזולאי׳ חיד״א תקס״ו

כז. געשטאָרבן הגאון ר׳ שמשון רפאל הירש מפראנקפורט, 81 יאָהר אַלט תרמ״ט.

כ״ט. גרוש פורטוגל, רנ״ז: געשטאָרבן הגאון ר׳ נתן אדלער, רבאין לאָנדאָן בעל „נתינה לגר״ תר״נ: געשטאָרבן אין ירושלים הגאון ר׳ יהושע ליב דיסקין תרנ״ח.

ש ב ט

א. משה רבנו פאנגט אָן ערקלערן די תורה, משנה תורה, ב״א תפ״ח.

ג. געשטאָרבן הגאון ר׳ משה יהודה, בעל „תפארת ירושלים״ אויף משניות תרכ״ה: געשטאָרבן הגאָון ר׳ צבי ראבינאָוויץ, רב אין קאוונא, תר״ע.

ה. געשטאָרבן הצדיק ר, ליב א׳טר, אדמו״ר אין גור, תרס״ה

ז. געשטאָרבן הגאָון ר, ירוחם יהודה פערלמאַן דער מינסקער גדול תרנ״ו.

ט. געשטאָרבן אין ירושלים ר׳ יהוסף שווארץ, בעל „תבואת הארץ״ תרכ״ט.

י. געשטארבן הגאון מהר״מ פאדואה שכ״ה: געשטאָרבן המקובל ר׳ שלום שרעבי, תקט״ב.

יח. וועריזשער בלוט בלבול׳ תקפ״ג: געשטאָרבן הגאון ר׳ ליב שאפירא רב אין קאָוונא׳ תרי״ג.

כא. געשטאָרבן הגאון מהר״מ גלאַנטי, תמ״ט: געשטאָרבן הצדיק ר׳ חיאל מאיר אדמו״ר אין גאסטינין תרמ״ח.

כב. געשטאָרבן הצדיק ר׳ מנחם מענדיל, אדמו״ר און קאָצק, תרי״ט.

כג. געשטאָרבן הרב ר׳ יחיאל מיכל זאקש, רב אין בערלין, תרכ״ד.

כד. געשטאָרבן הצדיק ר, ליב אייגער, אדמו״ר אין לובלין תרמ״ח געשטארבן הצדיק ר, יהושע רוקח, אדמו״ר און בעלז,

כה. געשטאָרבן אין נייסטאָט ליטא ר, יהודה ליב בן חגר״א תקע״ו. געשטאָרבן אין קעניגסבערג הגאון ר, ישראל ליפקין מסאלאנט, תרמ״ג.

כו. געשטאָרבן הגאון רבנו דוד הלוי, בעל הט״ז, תכ״ו.

כט. געשטאָרבן אין פאַריז השר ר׳ יצחק כרמיה, תר״מ.

א ד ר

ג. געשטאָרבן אין ירושלים הגאון ר׳ אליהו דוד תאומים רב אין פאָנעוועז, תרס״ה.

ד. געשטאָרבן אין לאָנדאָן הגאון ר׳ אליעזר גאָרדאָן, רב ור״מ אין טעלז תר״ע.

ה. געשטאָרבן הצדיק ר׳ אברהם, אדמו״ר אין טשעכענאָוו. תרל״ח.

ז. געבאָרן און געשטאָרבן משה רבנו, 120 יאָהר אלט ב״א שס״ח

תפ״ח: דורך די השתדלות פון ר׳ מנשה בן ישראל, רב אין אמשטרדם, ווערט ערלויבט איִן צוריק צוקומען נאָך ענגלאַנד תט״ו.

ט. געשטאָרבן אין ווילנא הגאון ר׳ שלמה זלמן וואָלאָזשינער 33 יאָהר אלט תקמ״ח.

י. געשטאָרבן אין בער׳ין החכם ר׳ יום טוב ליפמאַן צונץ 92 יאָהר אַלט, תרמ״ו.

יא. געשטאָרבן הגאון ר׳ אברהם, אדמו״ר אין סאָכאַטשאָוו, תר״ע.

יב. הורדוס המלך בעגייעט דעם בית המקדש ג״א תשמ״ב. אין לוד, ווערן געטויט די ברידער שמעיה און אחיה ג״א תתפ״ג.

יג. געשטאָרבן רבנו יהודה החסיד, בעל „ספר חסידים„ ד״א תתקע״ו.

יד. נס פורים. ג״א ת״ד. געגרינדעט אין פאַריז די חברה „כל ישראל חברים„ תר״כ.

טו. געשטאָרבן הגאון ר׳ אברהם, בעל „מגן אברהם„ תל״ה. געשטאָרבן הגאון ר׳ בערוש מייזלש׳ רב אין וואַרשא, תר״ל.

יז. געשטאָרבן ר׳ מנשה בן ישראל, רב אין אמשטרדם, תט״ו. געשטאָרבן הגאון חיים דודזאָהן, רב אין ווארשא, 94 יאָהר אַלט, תרי״ד.

יח. געשטאָרבן הצדיק ר׳ חנוך העניך, אדמו״ר אין אלכסנדראָוו, תר״ל

יט. געשטאָרבן הפילוסוף ברוך שפינאזא, 45 יאָהר אַלט, תל״ז.

כ. געשטאָרבן הגאון ר׳ מאיר, מהר״מ שיף, 36 יאָהר אַלט, ת״ד.

כא. געשטארבן הגאון ר׳ יצחק אלחנן ספעקטאָר, רב אין קאָוונאָ, תרנ״ו.

כה. געשטאָרבן הגאון ר׳ יעקב, בעל „דרך החיים„ רב אין ליסא, תקצ״ב. רעגיסטריערט געוואָרן אין לאָנדאָן דער אידישער קאָלאָניאַלבאַנק, תרנ״ט.

כז. געשטאָרבן הגאון ר׳ יוסף שאול נאטענזאָהן, רב אין לעמבערג, בעל „שואל ומשיב„ תרל״ה.

ניסן

א. אויפגעשטעלט דעם משכן, געשטאָרבן נדב און אביהו, ב״א תמ״ט.

ו. געשטאָרבן אבי זקני הגאון ר׳ אליעזר, רב אין קעלם, 59 יאָהר אלט, תקצ״א, געשטאָרבן הגאון ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג, בעל „הכתב והקבלה„ רב אין קעניגסבערג, תרכ״ה.

ז. געשטאָרבן הגאון ר׳ אריה ליב יעלין, רב אין בילסק, בעל „יפה עינים„ אויף ש„ס 66 יאָהר אלט, תרמ״ו.

ט. געשטאָרבן הגאון ר׳ צבי אורינשטיין, רב אין לעמבערג, תרמ״ח.

י. געשטאָרבן מרים הנביאה ב״א תפ״ז. יהושע בן נון פיהרט אריבער די אידן דעם ירדן ב״א תפ״ח. געשטארבן הגאון ר׳ יצחק הכהן אלפסי, 90 יאָהר אלט, ד״א תתס„ג.

יג. געשטאָרבן הגאון ר׳ יוסף קארו, בעל „שלחן ערוך„ אין צפת, 87 יאָהר אלט, שכ״ה. געשטאָרבן הגאון ר׳ מנחם מענדל, אדמו״ר אין ליו-באוויטש, בעל „צמח צדק„ תרכ״ג.

יד. געשטאָרבן א״א זקני הגאון ר, צבי ראלבא, רב אין צאבעלן, תרנ״ט

יה. געשטאָרבן רבנו מאיר הלוי, ד׳: געשטאָרבן הגאון ר, שמואל אביגדור תוספאה. תרכ״ז.

יט. געשטאָרבן הגאון ר׳ יושע ולק הכהן, בעל „סמ״ע„ 64 יאָהר אלט, שע״ד.

כ. געשטאָרבן אחרון הגאונים, רב האי גאון, ד״א תשצ״ח.

כב. געשטאָרבן הגאון ר, יהודה רוזאנים, בעל „משנה למלך„ תפ״ז.

כג. געשטאָרבן הגאון ר׳ משה מטראני, המבי״ט, שמ״ה.

כו. געשטאָרבן יהושע בן נון, 110 יאָהר אלט, ב״א תקט״ז. געשטאָרבן הגאון ר, אפרים, בעל „מהנה אפרים„ תצ״ה.

ל. געשטאָרבן הגאון ר, יעקב עמדן, יעב״ץ, 78 יאָהר אלט תקל״ו·

אייר

א· שלמה המלך פאנגט אָן בויען דעם בית המקדש ב״א תתקכ״ח. געשטאָרבן אין צפת הגאון ר, יעקב בירב, ש״ו. געשטאָרבן המקובל ר, חיים וויטאל, ש״פ. געשטאָרבן הגאון ר, צבי אשכנזי, בעל „חכם צבי„ תע״ח·

ג· געחטאָרבן הגאון ר, ליב צונץ, בעל „מגן האלף„ תקצ״ג·

ד· געשטאָרבן הגאון ר, יוסף דוד סאָלאָווייציג, רב אין בריסק, 72 יאָהר אלט, תרנ״ב·

ז· געשטאָרבן הגאון, בעל עוללות„ ,,עוללות אפרים״ שע״ט·

י· געשטאָרבן דער שופט עלי הכהן 98 יאָהר אלט, ב״א תתע״ב. געש־טאָרבן הצדיק ר, דוד טווערסקי, אדמו״ר אין טאלנא, תרכ״ט·

יד· געשטאָרבן הגאון ר, אליהו חיים מייזל, רב אין לאָדז, תרע״ב·

טו· אנגעפאנגען דער מן צו שפייזן אידן אין דער מדבר, ב״א תמ״ח·

פערברענט אין פאַריז דעם רמב״ם׳ס ספרים דורך דער אינקוויזיציע, ד״א תתקצ״ג: געשטאָרבן הגאון ר׳ מאיר, מהר״ם מלובלין 58 יאהר אלט, שע״ו:

·יח נסתלק געוואָרן התנא ר׳ שמעון בן יוחאי, בעל ס׳ הזהר, ג״א תתקכ״א געשטאָרבן הגאון ר׳ משה איסר׳ים, הרמ״א רב אין קראקא 52 יאָר אַלט של״ב: געשטאָרבן הגאון ר, אליהו לעווינזאהן מקרעטינגען, ליטא תרמ״ח:

יט· געשטאָרבן אין פעסטונג ענזיסהיים, רבנו מאיר, מהר״ם מרוטנבורג נ״ג·

כא· געשטאָרבן הגאון ר׳ יצחק אייזיק ראבינאָוויץ, רב אין שאוול תרי״ג

כו· געשטאָרבן החסיד ר, משה חיים לוצאטי בעל „מסלת ישרים„ 40 יאָהר אלט תק״ז: געשטאָרבן הגאון ר, יצחק וואָלאָזשינער תר״ט·

סיון

א· 800 אידן האָבן זיך געשאָכטן אין וואָרמס, על קדוש השם איבער די קרייצפאָהרער ד״א תתנ״ו·

ו· געשטאָרבן דוד המלך, 70 יאָהר אלט ב״א תתקכ״ד: געשטאָרבן הצדיק ר, ישראל בעל שם טוב דער גרינדער פון די חסידות תק״כ:

ז· פערברענט אין ווילנא דעם גר צדק על קדוש השם תק״ט·

יג· געשטאָרבן הגאון בעל „שערי אורים„ תל״ח·

יד. געשטאָרבן הגאון ר, חיים וואלאזשינער תקפ״ב.

יט. געשטאָרבן הגאון ר, שמואל מאהילעווער רב אין ביאַליסטאָק, תרנ״ח.

כ. צום ערשטן מאָל פערברענט אידן איבער עלילת דם און בלאיאש׳ פראנקרייך, ד״א תתקל״א׳ די קאָזאקן, אונטער חמעלניצקי, אויסגע, הרגת 6 טויזנט אידן אין נעמיראָוו אוקריינא ת״ח.

תמוז

ב. געשטאָרבן הגאון ר, מרדכי זאב איטינגא תרכ״ג.

ד. געשטאָרבן הגאון ר, פינחס הלוי הורוויץ בעל „הפלאה״ תקס״ה: געשטארבן הגאון ר, עזריאל הילדעסהיימער, רב אין בערלין 79 יאהר אלט תרנ״ט.

ו. פערברענט אין פאַריז 24 פוהרן מיט ספרי הש״ס עש״ק חקת ב״.

יב. געשטאָרבן הגאון רבנו יעקב בעל ה׳ „טורים״ ק״.

יז. אַ בעפעהל פון פאפסט, אידן מוזן טראגן אבצייכענס אויף זייערע אויבערקליידער אום מען זאָל זיי ערקענען פון וויטן, ד״א תתקע״ו.

טו. געשטאָרבן הגאון ר, חיים בן עטר בעל „אור החיים״ תק״ג.

כ. געשטאָרבן ר, בנימין זאב ב״ר יעקב ד״ר הערצל 44 יאהר אלט, תרס״ד.

כד. געשטאָרבן אין ניו-יאָרק דגאון ר, יעקב יאסעף, שטאָט מגיד אין ווילנא תרס״ב.

כה. געשטאָרבן הגאון ר, אריה ליב בעל „שאגת אריה״ רב אין מעץ תקמ״ה: געשטאָרבן הגאון ר, ישראל יהושע רב אין קוטנא תרנ״ג .

כו. געשטאָרבן המטובל ר, אהרון ברכיה מוד״נא בעל „מעבר יבוק״ שצ״ט.

כח. געשטאָרבן הגאון ר, שלמה גאַנצפריעד בעל „קצוה שלחן ערוך״ תרמ״ו.

אב

א. געשטאָרבן אהרן הכהן אין דער מדבר, 123 יאָהר אַלט, ב׳א תפ״ח.

ג. טויזענדער אידן ערמאָרדעט פון קאָזאקן, אין פולנאה, אוקריינא׳ צווישן זיי הגאון ר, שמשון אַסטראָפּאָלער ת״ח.

ד. געשטאָרבן דער אידישער היסטאָקער פראָפעסאָר צבי גרעץ, 73 יאָהרא לט, תרנ״א.

ה. געשטאָרבן המקובל הקדוש ר׳ יצחק לוריא אַשכנזי, האריז״ל, 38 יאָהר אלט, של״ב.

י. ארויסגעטריעבן אידן פון פראנקרייך, ס״ו.

יא. געשטאָרבן אין ירושלים הגאון ר, יצחק בלאזער, רב אין פעטער־בורג, תרס״ז.

יג. געשטאָרבן הגאון ר, מרדכי בנעט, רב אין ניקלשבורג, תקפ״ט: געשטאָרבן הגאון ר, אבא־לע פאסוועלער, ראב״ד אין ווילנא תקצ״י.

טז. געשטאָרבן השר חובב ציון ר, משה מאנטעפיאָרי, 100 יאָהר אלט תרמ״ה.

כז. געשטאָרבן הגאון ר, יעקב יהושע, רב אין קראקא, בעל „פני יהושע, ת״ח.

כח. געשטאָרבן הגאון ר, נפתלי צבי יהודה בערלין, רב אין וואלאזשי, 76 יאָהר אלט, תרנ״ג.

כט. געשטאָרבן אין ירושלים ר, שמואל סאלאנט, תרס״ט.

אלול

ג. געשטאָרבן הגאון ר, אברהם צבי אייזענשטאַט, רב אין אוטיאַן, רי־טא, בעל „פתחי תשובה„ תרכ״ח.

ד. געשטאָרבן הגאון ר, מאיר שמחה הכהן רב אין דווינסק, תרפ״ו.

כא. געשטאָרבן הגאון ר, יהונתן אייבשיץ בעל „אורים ותומים„ רב אין פראג, תקכ״ד. געשטאָרבן א״א זקני הרב ר, ראובן צבי אין קעלם, 76 יאָהר אלט, תר״נ.

כב. געשטאָרבן רבנו יעקב הלוי מולין, מהרי״ל, רב אין וואָרמס׳ קפ״ז.

כד. אָנגעפאנגען בויען דעם צווייטן בית המקדש, ג״א ת״ח.

כט. בלוט בלבול אין מעץ, תכ״ט. בלוט בלבול אין פאָזן, תצ״א.

איינגע בעמערקונגען צום „קורא הדורות״.

די אידישע היסטאָריע אין איהרע עלטערע תקופות, פון שעבוד מצרים ביז תקופת החשמונאים, און וועך רעדט שוין פון נאָך פריהער, אַוועקצושטעלן חראָנאָלאָגיש כסדר נאָך די יאָהרן, איז זעהר שווער. אונזערע עלטערן אין די פריהערע צייטן, האָבן זיך מיט היסטאָריע וועניג, אָדער כמעט גאָרניט, אָבגעגעבן. זיי האָבן זייער צייט און פעהיגקייטן אין פיעל וויכטיגערע און ניצלעכערע ידיעות, לויט זייער מיינונג און אַנזיכט פערבראכט און אויסגענוצט. דער ערשטער פון אונזערע חכמים, חכמי התורה, וואָס האָט זיך אויך מיט היסטאָריע בעשעפטיגט, איז לויט אונזער וויסן, דער תנא ר׳ יוסי בן חלפתא. (געלעבט אין לעצטן יאָהרהונדערט לאלף הרביעי.) און אויך פון זיין ספר „סדר עולם רבא״ האָט נאָר דער לעצטער קאַפיטל פון די 30 קאַפיטלן, וואָס דער כפר ענטהאלט, אַ פראקטישן ווערט צו דער היסטאָריע פאָרשונג. יוסף בן מתתיהו פלאַוויוס, וועלכער האָט מיט גענויאַיגקייט, אַגב ניט אָהנע פניות, בעשריבן דעם גאנג פון דעם אידישן אויפשטאנד און זייערע מלחמות געגן רוים, האָט כמעט ווי אין גאנצן פערשוויגן די תקופה פון איבער 250 יאָהר, וואָס איז צווישן עזרא ונחמיה ביז די חשמונאים. אין משנה און תלמוד די אלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע פון אידישן וויסן און שאפן, ווערן אפילו די חשמונאים גאנץ זעלטן און קורץ דערמאָנט. און אויך ניט צוליעב היסטאָרישע צוועקן ווי צוליב זייערע תקנות און סיגים.

און דעריבער געפינען מיר שוין ביי די ראשונים גרויסע חלוקי דעות אין די דאטען פון יענע אלטהיסטארישע תקופות פערשידענע מיינונגען וועלכע דערגרייכן ביז מעהרערע צעהנדליג יאָהרן. דער היסטאָריקער הרב החכם ר׳ זאב יעבץ ז״ל, האָט דארום אין דעם ערשטן חלק פון זיין ספר „תולדות ישראל״ וועלכער קומט צו ביז צום טויט פון שאול המלך, קיינע דאטום ניט אָנגעגעבן. און שרייבט אין דער הקדמה, אז דער מענש וואָס מיינט, ער וויים ריכטיג אָנצוגעבן די יאָהרן פאר יענע תקופות האָט ער אטעות. זאָגאר אין פערזענליכקייטן קומט ביי די היסטאָריקער פערשידענע מיינונגען פאָר עס איז גענוג אָנצווייזן אויף דעם היסטאָרישן נאָמען „שמעון הצדיק״ די מערערע היסטאָריקער בעהויפטן, אז אונטער דעם נאָמען איז צו פערשטיין: שמעון השני בן חני. השני מיר האבן געפונען פאר ריכטיג אנצונעהמען די מיינונג פון הגאון החוקר ה׳ יצחק אייזיק הלוי צ״ל, וועלכער בעהויפטעט אין זיין

ספר „דורות הראשונים“ אז מיט דעם נאמען איז געמיינט ניט קיין אנדערער ווי שמעון בן חניו הראשון, דער גרויספאטער פון דעם פאריגן ווי אונזער משנה אין אבות גיט אן „שמעון הצדיק היה משירי כנסת הגדולה“ און נאך אין פיעל ערטער וועט דער לעזער געפינען, אז אונזערע אנגאבן שטימען ניט מיט די אנגאבן פון אנדערע היסטאריקער. מיר האבן געשטעלט ווי נאך אונזער מיינונג איז אויסגעקומען פאר ריכטיג און געוויס האבן מיר געהאט על מי לסמוך האבן יענע אונזערע וועגפיהרער, ניט געטראפן דעם אמת, איז די שולד ניט אויף אונז אליין.

מיר ווילן גארניט בעהויפטן, אז אונזערע אָנגאבן זייען די ריכטיגע, און דעם אמת האָבן מ י ר געטראָפן. שליסליך איז דאָך ניט די פינקטליכקייט אין די דאטן און יאָהראנגאבן דער עיקר ביי היסטאָרישע געשעהעניסן, בפרט אין זאָלכע אלטע תקופות, די הויפטזאך איז צו וויסן דעם כסדר־דיגן מהלך פון דער היסטאָריע, און דארין גלויבן מיר, האָבן מיר פיע, ניט גע־פעהלט.

די תקופות ביז צום בית שני, האָבן מיר געשטעלט גאנץ קורץ, ווייל יענע תקופות זייען ענטהאלטן אין ספר הספרים, אין תנ״ך וואו יעדער איינע־ קען זיי געפינען און לייכט שטודירען, קיינע אנדערע גלויבווירדיגע מקורים בעזיצן מיר דאָך ניט. די נייע אויסגראָבונגען האבן נאָר די ערצעהלונגען פון תנ״ך בעקרעפטיגט און בעשטעטיגט. אין די שפעטערע תקופות, בפרט אין תקופות החשמונאים און מ׳כות הורדוס, די וויכטיגסטע צייט פון אידישן פאָלק, אלס פאָלק אויף זיין אייגן לאנד האָבן מיר, ווי ווייט דער פלאץ ער־לויבט, ברייטער בעשריעבן. נאטירליך איז ניט דאָ דער אָרט, און ניט פון אונזער חראָניקא דארף מען וועלן זיך ערלערנען די אידישע היסטאָריע. דא איז נאָר קורצע ווינקע און אנמערקונגען, דאצו גיט ביי יעצטיגע צייט, פיעל גרויסע און רייכהאלטיגע, ספעציעל היסטאָרישע ביכער. עס איז געוויס אחוב אויף יעדן אידן, מאן אָדער פרוי, זיך גענוי צו בעקענען מיט די אלטע און גרויסע היסטאָריע פון זיין אייגן אידיש פאָלק. יעדער איינער קען געפינען היסטאָרישע ביכער, לויט זיין נייגונג און אָנזיכט.*) און דאן וועלן מיר זיך איבערצייגן, ווי

*) אגב וואָלטן מיר ראַטהען, די י ו ג ע נ ד נאָר זאָלכע היסטאָרישע ביכער אין די הענד צו געבן, וועלכע האָבן אַ רעליגיעזן חאראַקטער. פרומע אָנזיכטן איבער אונזערע אלטהיסטאָרישע געשעהעניסן. וואָצו זאָל מען זיך נאַרן. די אלע אנדערע האָבן דאָך קיינע פעסטע בעווייזע. זייען ניט מעהר ווי פוסטע השערות. דאַגעגן צופריעדענהייט און מנוחת הנפש, וואס קומט נאָר פון אמונה און בטחון, בעזיצן געוויס אין א גרעסערע מאָס, די ערצויגענע אויף רעליגיעזן שטאַנדפונקט. וואָצו זאָלן מיר זשע די טוגענדן און אויך קערפערליכן גליק, פון אונזערע קינדער, שוין אין דער יוגענד רויבן? צו פהילאָזאָפהירען און פאָרשן, מה למעלה ומה למטה, מה לפנים ומה לאָחור, גאַנץ אומנוציגע און אימזיסטע אַרבייט פאַר דעם בעשרענקטן מענשליכן פערשטאַנד, דאָס וועלן זיי צו יעדער צייט בעהיין, און קיינמאָל ניט פערזוימען. חנוך לנער עפ״י דרכו, גם כי יזקין לא יסור ממנה:

שטאַרק מיר קענען זיין, מיט די מענגע גרויסע און הייליגע, ערהאבענע און זיטענרייינע פערזענליכקייטן, מיט די זינרייכע און שעפּפערישע זשעניען, אויף אלע געביטן פון דער וויסנשאפט, וואָס אונזער פאָלק האָט אין זיין לאנגע היסטאָריע ארויסגעגעבן קעגן אנדערע פעלקער. און טראָצדעם וואָס מיר זייען כמעט ווי קיינמאָהל מיט וועניגע קורצטערמיניגע אויסנאהמען ניט ארויס פון פרעמדען איינפלוס און הערשאפט, האָבן מיר ביז היינטיגן טאָג דאָך אונזער אייגענטימליכקייט בעהאלטען. די איידעלע און הייליגע ערציהונג, אויף וועלכער אונזער פאָלק איז ערצויגן געוואָרן, על ברכי התורה והיהדות, וואָס נאָר דאָס האָבן מיר צו פערדאנקען אונזער קיום ביז היינט, האָט זיך נאָך ניט פערווישט. לאָמיר זשע אכט לעגען אז מיר זאָגן ווערט זיין יענעם שטאַרק ווייטער צו בעהאלטן, און ניט פערווישן אונזער אייגענטימליכקייט. ביז מיר וועלן אלע צוזאמען צוריקקומען אלס פאָלק צו אונזער לאַנד, במהרה בימנו.

מיר האָבן אָנגעפאנגן פון אדם הראשון, אום אונזערע קינדער, די תנוקות של בית רבן, זאָלן האָבן פאר זיך קורץ צו ווידערהאָלן און קלאָר צו ווערן דעם סדר הדורות וואָס זיי האָבן געלערנט אין תנ״ך.

די וועלט איז באשאפן געוואָרן, זונטאָג, כ"ה אלול; —

אדם און חוה בעשאפן געווארן, ראש השנה. אין יאהר א׳ לבריאת עולם
געבארן שת בן אדם. „ ק״ל „
געבארן אנוש בן שת. „ רל„ה „
געבאָרן קינן בן אנוש. „ שכ״ה „
געבארן מהללאל בן קינן. „ שצ״ה „
געבארן ירד בן מהללאל. „ ת„ס „
געבאָרן חנוך בן ירד. „ תרכ„ב „
געבאָרן מתושלח בן חנוך. „ תרפ״ז „
געבאָרן למך בן מתושלח. „ תתע„ד „
געשטאָרבן אדם 930 יאָהר אלט. „ תתק„ל „
חנוך צוגענומען געוואָרן פון ג׳ 365 יאָהר אלט. „ תתקפ„ז „
געשטארבן שת בן אדם 912 יאהר אלט „ אלף מ„ב „
געבארן נח בן למך „ „ נ„ו „
געשטארבן אנוש בן שת. 905 יאהר אלט „ „ ק״מ „
געשטארבן קינן בן אנוש 810 יאהר אלט „ „ רל„ה „
געשטארבן מהללאל בן קינן 895 יאהר אלט „ „ ר״צ „
געשטארבן ירד בן מה.לאל 965 יאהר אלט „ „ תכ״ב „
געבארן יפת בן נח „ „ תקנ״ו „
געבארן חם ב׳ נח „ „ תקנ„ז „
געבארן שם בן נח „ „ תקנ„ח „
געשטארבן למך בן מתושלח 777 יאהר אלט „ „ תרנ„א „
געשטאָרבן מתושלח בן חנוך 969 יאָהר אלט. דער מבול, „ „ תרנ״ו
נח און זיין פאמיליע ארויס פון תבה „ „ תרנ״ז
געבאָרן ארפכשד בן שם. „ „ תרנ״ח
געבאָרן שלח בן ארפכשד. „ „ תרצ״ג
געבאָרן עבר בן שלח „ „ תשכ״ג
געבאָרן פלג בן עבר. אין זיין צייט דור הפלגה „ „ תשנ״ז
געבאָרן רעו בן פלג „ „ תשפ״ז
געבארן שרוג בן רעו „ „ תתי„ט

			לבריאת עולם.
געבאָרן נחור בן שרוג	אין יאָהר	אלף	תתמ„ט
געבאָרן תרח בן נחור זיין פרוי אמתלאָה בת כרנבו	„	„	תתע„ח
געבאָרן אַברם בן תרח אונזער שטאַמפאָטער	„	„	תתקמ„ח
געבאָרן שרה, אַברמ,ס פרוי, אונזער אורמוטער	„	„	תתקנ„ח
געשטאָרבן פלג בן עבר, 239 יאָהר אַלט	„	„	תתקצ„ו
געשטאָרבן נחור בן שרוג. 148 יאָר אַלט	„	„	תתקצ„ז
געשטאָרבן נח בן למך, 950 יאָהר אַלט	„	ב.אלפים	ו׳
ג׳ מאַכט אַ בונד מיט אברם. ברית בין הבתרים.	„	„	י„ח
אברם געהט לויט ג׳ בעפעהל נאָך כנען	„	„	כ„ג
געשטאָרבן רעו בן פלג 239 יאָהר אַלט. אַברמ,ס מלחמה מיט די מלכים	„	„	כ„ו
אַברם נעמט.לויט שרה,ס עצה,הגר זייער דיענסט פאַר אַ פרוי	„	„	ל„ג
געבאָרן ישמעאל בן אברהם והגר	„	„	ל״ד
אברם איז זיך מל לויט ג׳_ס בעפעל, און ווערט גערופן אברהם שרי ווערט גערופן שרה, סדום און עמורה איבער געקעהרט לוט ווערט ניצל	„	„	מ„ז
געבאָרן יצחק בן אַברהם ושרה	„	„	מ„ח
געשטאָרבן שרוג בן רעו 230 יאָהר אַלט	„	„	מ„ט
געשטאָרבן תרח בן נחור, 205 יאָהר אלט	„	„	ה„ג
עקדת יצחק. שרה שטאַרבט 127 יאָהר אַלט. רבקה ווערט געב.		„	פ„ה
יצחק נעהמט רבקה בת בתואל פאַר אַפרוי		„	פ„ח
געשטאָרבן ארפכשד בן שם 438 יאָהר אַ/ט		„	צ„ו
געבאָרן יעקב בן יצחק ורבקה		„	ק„ח
געשטאָרבן אברהם 175 יאָהר אַלט		„	קב„ג
געשטאָרבן שלח בן ארפכשד 137 יאָהר אַ/ט		„	קב„ו
געשטאָרבן שם בן נח 600 יאָהר אַלט		„	קנ„ח
יעקב,ס ברכות געשטאָרבן ישמעאל 137 יאָהר אלט		„	קע„א
יעקב פע־/אָזט זיין עלטערן הויז, לערנט 14 יאָהר ביי תלמידי שם און ביי עבר. קומט צו לבן זיין מוטערס ברודער אין חרן אין יאָהר		„	קפ„ה
געשטאָרבן עבר בן ש/ח, 464 יאָהר אַלט		,	קפ„ז
יעקב נעהמט לאה און רחל, לבן,ס טעכטער, פאַר פרויען		„	קצ„ב
געבאָרן ראובן בן יעקב ולאה, י״ד כסלו		„	קצ„ג
געבאָרן שמעון בן יעקב ולאה כ״ח טבת		„	קצ„ד
געבאָרן לוי בן יעקב ולאה ט״ז ניסן		„	קצ„ה
געבאָרן יהודה בן יעקב ולאה ט״ו סיון		„	קצ„ו
געבאָרן יששכר בן יעקב ולאה י׳ אב		„	קצ„ז
געבאָרן דן בן יעקב ובלהה ט׳ אלול		„	קצ„ז

געבארן גד בן יעקב וזלפה י׳ חשון	ב׳ אלפים	קצ״ח
געבארן נפתלי בן יעקב ובלהה ה׳ תשרי	״	קצ״ט
געבארן זבולון בן יעקב ולאה ז, תשרי	״	קצ״ט
אימזעלבן יאהר געבארן דינה	״	קצ״ט
געבארן אשר בן יעקב וזלפה ד׳ שבט	״	קצ״ט
געבארן יוסף בן יעקב ורחל א, תמוז	״	קצ״ט
יעקב בלייבט נאך 6 יאהר ביי לבן, און פארט צום פאטער	״	ר״ה
יעקב אין שכם, מעשה דינה, יעקב קומט אין בית אל.	״	ר״ו
געבארן אין וועג בנימין בן יעקב ורחל, רחל שטארבט י״א מרחשון	״	ר״ז
מכירת יוסף. זליכה אשת פוטיפר מאכט אויף יוסף א בלבול. פוטיפר זיין בעל-הבית זעצט איהם אריין אין תפיסה	״	רט״ז
יוסף בעשיידעט די חלומות פון שר המשקים ושר האופים וועלכע זיצן מיט איהם צוזאמען אין תפיסה.	״	רכ״ז
געשטארבן יצחק בן אברהם ושרה, 180 יאהר אלט.	״	רכ״ח
יוסף בעשיידעט פרעה זיינע חלומות און ווערט א משנה למלך.	״	רכ״ט
עס פאנגט זיך אן די 7 הונגער יאהרן יוסף׳ס ברידער קומען קויפן געטריידע אין מצרים. געבארן קהת בן לוי.	״	רל״ו
יעקב, זיינע זיהן מיט זייערע פאמיליען קומען אין מצרים.	״	רל״ח
געבארן עמרם בן קהת. געשטארבן יעקב 147 יאהר אלט.	״	רנ״ה
געשטארבן יוסף 110 יאהר אלט	״	ש״ט
געשטארבן זבולון 114 יאהר אלט.	״	שי״ג
געשטארבן שמעון 120 יאהר אלט	״	שי״ד
געשטארבן בנימין 109 יאהר אלט.	״	שט״ז
געשטארבן ראובן 125 יאהר אלט, אויך דן 121 יאהר אלט.	״	שי״ח
געשטארבן יששכר, 122 יאהר אלט.	״	שי״ט
געשטארבן אשר 121 יאהר אלט.	״	ש״כ
געשטארבן גד 123 יאהר אלט.	״	שכ״א
געשטארבן יהודה 129 יאהר אלט.	״	שכ״ה
געשטארבן נפתלי 129 יאהר אלט.	״	שכ״ח
געשטארבן לוי 137 יאחר אלט אנפאנג שיעבוד מצרים.	״	של״ב
געבארן מרים בת עמרם ויוכבד בת לוי.	״	שס״א
געבארן אהרן בן עמרם ויוכבד.	״	שס״ה
געבארן משה רבנו בן עמרם ויוכבד.	״	שס״ח

געבאָרן יהושע בן נון משבט אפרים, משרת משה. *) ב. אלפים תל״ל
יציאת מצרים קריעת ים סוף און מתן תורה. ״ תמ״ח
נאָך 40 יאָהר וואַנדערן אין דער מדבר, שטאַרבט משה 120 יאָהר אַלט אום
ז, אדר יהושע בן נון פיהרט אַריין די אידן אין ארץ ישראל. ״ תפ״ח.
14 יאָהר דויערט דאָס איינגעהמען און צוטיילן דאָס לאַנד. דער משכן
ג,גל. אויפגעשטעלט משכן שילה. ״ תק״ב
אָנגעפאַנגען צעהלן שמיטין און יובלות פון תשרי. ״ תק״ג
יהושע אַ שופט 28 יאָהר. שטאַרבט 110 יאָהר אַלט. כ״ו ניסן. תקט״ז

עתניאל בן קנז פון שבט יהודה אַ שופט. 8 יאָהר אונטער כושן רשעתים. פלגש בגבעה און פסל מיכה אין זיין צייט. רעגיערט אין גאַנצן 40 יאָהר און שטאַרבט אין יאָהר תקנ״ה

אהוד בן גרא משבט בנימין אַ שופט. אונטער עגלון מלך מואב 18 יאָהר רעגיערט אין גאַנצן 80 יאָהר און שטאַרבט. שמגר בן ענת הכהן אַ שופט און שטאַרבט אים זעלבן יאָהר. תרל״ו

דבורה אַ שופטת, אונטער יבין מלך חצור 20 יאָהר. בעזיעגט מיט דער הילף פון ברק בן אבינועם. סיסראַ שר צבא יבין וועלכער ווערט פון יעל אשת חבר הקני ערמאָרדעט. רעגיערט אין גאַנצן 40 יאָהר און שטאַרבט אין יאָהר ״ תרע״ו

7 יאָהר אונטער מדין ביז תרפ״ג

גדעון בן יואש משבט מנשה אַ שופט בעזיגט מדין רעגירט 40 יאָהר ביז תשכ״ג
אבימלך בן גדעון רעגיערט 3 יאָהר און שטאַרבט דורך אפרוי. תשכ״ו
תולע בן פואה פון שבט יששכר רעגיערט 23 יאָר ביז ״ תשמ״ח
יאיר הגלעדי משבט מנשה רעגיערט 22 יאָהר ביז תשב״ט
18 יאהר אונטער בני עמון יפתח הגלעדי בעפרייט זיי אין יאָהר תשפ״ו
יפתח ווערט אַ שופט רעגיערט 6 יאָהר ביז ״ תשצ״ב
אבצן פון בית לחם אַ שופט 7 יאָהר ביז ״ תשצ״ח

---

*) אַזוי ווי די יאָהרן לבריאת עולם רעכענען זיך פון חדש תשרי. די יאָה־ן וועלכע צעהלן זיך ליציאת מצרים, אַזוי אויך די יאָהרן פון מלכי ישראל, רעכענען זיך אָבער פון ניסן. דאַרף מען וויסן, אַז די יאהרן וואָס רעכענען זיך ווייטער אין דעם פרק, איז צו רעכענען ניט פון אָנפאנג יאהר, פון תשרי, נאָר פון מיטן יאָהר פון חדש ניסן. אַזוי אז איין און דאָס זעלבע יאָהר, וואָס ווערט גע־רעכנט צו איין שופט אָדער מלך, רעכענט זיך גלייכצייטיק אויך צום צווייטן, וואָס רעגיערט נאָך איהם, נאָר פ א ר דעם חדש ניסן. די צייטן פון די שופטים און מלכים האָבן מיר געשטעלט לויט דעם חשבון פון „סדר עולם רבא“ דעם עלטעסטען היסטארישן בוך, וואס מיר האבן, און לויט ווי הגר״א זצ״ל מווילנאָ. האָט אין זיין לוח השופטים והמלכים אויסגעשטעלט, אום עס זאָל שטימען די פסוקים אין נביאים ראשונים און דברי הימים וואָס עס איז זעהר שווער אין דער אָרדנונג צו ברייגגען.

אילון הזבולוני אַ שופט 10 יאָהר ביז ב׳ אלפים תת״ז
עבדון בן הלל משבייט אפרים אַ שופט 8 יאָהר ביז " תתי״ד
שמשון בן מנוח פון שבט דן אַ שופט 20 יאָהר ביז " תתל״ג
עלי הכהן אַ שופט 40 יאָהר שטאַרבט 98 יאָהר אַ/ט אין יאָהר " תתל״ג

די פלשתים מאַכן חרוב משכן שילה, דער אוהל מועד אין נוב, דער ארון אין קרית יערים, וואו ער בלייבט 20 יאָהר ביז דוד ווערט אַ מלך איבער כל ישראל. שמואל בן אלקנה הלוי אַ שופט רעגירט אַליין 10 יאָהר ביז תתפ״א די אידן פערלאַנגען פון שמואל׳ן אַ מלך, שאו׳ בן קיש משבט בנימין ווערט געזאַלבט און קעניגט מיט שמואל׳ן צוזאמען 1 יאָהר, שמואל שטאַרבט 52 יאָהר, כ״ח אייר תתפ״ב

שאול קעניגט אַליין נאָך 2 יאָהר און שטאַרבט אין מלחמה תתפ״ד

דוד קעניגט אין חברון איבער יהודה 7 אַהאַלב יאָהר, איש בושת בן שאול איבער ישראל 2 יאָהר. 5 יאָהר בלייבט מלכות ישראל אָן אַמ/ך, דער אַהל מועד ווערט איבערגעטראָגן נאָך גבעון, וואו ער בלייבט 50 יאָהר ביז צום 10 יאָהר פון מלכות ש/מה, דוד בלייבט אין חברון ביז צום יאָהר ב׳אלפים תתצ,,ב.

דוד ווערט אַ מלך איבער כל ישראל, רעגירט 40 יאָהר שטאַרבט 70 יאָהר אַלט, אין יאָהר ,, תתקכ,,ד

שלמה זיין זוהן ווערט אַ מלך 12 יאָהר אַלט פאַנגט אָן בויען דעם בית המקדש, וואָס דויערט 7 יאָהר און ווערט פערענדיגט אין יאָהר ,, תתקל,,ה

שלמה קעניגט 40 יאָהר שטאַרבט 52 יאָהר אַלט. אין יאָהר ,, תתקס,,ד אין זעלבן יאָהר ווערט צוטיילט די מלוכה אויף מלכות ירודה און ישראל.

מלכי יהודה

רחבעם בן ש/מה קעניגט 17 יאָהר ביז תתקפ,,א

אבים זיין זון קעניגט 3 יאָהר ביז תתקפ,,ד
אסא זיין זון ,, 41 ,, ג׳אלפים כ,,ה
יהושפט זיין זוהן א/יין 22 ,, ,, מ,,ז

יהושפט מיט יהורם זיין זון 3 יאָהר ,, נ

יהורם אַליין נאָך 5 יאָהר ביז ,, נ,,ה

מלכי ישראל.

ירבעם בן נבט פון שבט אפרים קעניגט 22 יאָהר ביז ב׳ אַלפים תתקפ״ו

נדב זיין זוהן 2 יאָהר תתקפ״ח

בעשא בן אחיה פון שבט יששכר קע־ניגט 22 יאָהר ביז ג׳אלפים י״א

אלה זיין זוהן 2 יאָהר ביז " י״ב
זמרי א/ה׳ים אקנעכט פון שבט שמעון

מלכי יהודה.

אחזיהו זיין זון 1 יאָהר „ " נ״ו

עתליה יהורם׳ס פרוי אחאב בן עמרי מלך ישראל׳ס אטאָכטער הרגת אויס אלע זרע המלוכה אויסער ידואש וועלכער האט זיך גערעטעט. קעניגט 6 יאָהר ביז ס״א

יהואש בן אהזיהו ווערט א מלך צו 7 יאָהר. זכריה בן יהוידע כ״ן גדול ונביא ווערט פערשטיינגט לויט יהואש בעפעהל אין הויף פון בית המקדש ג.אלפים. ק

יהואש קעניגט 40 יאָהר ביז " ק״ב

אמציה בן יהואש קעניגט אליין 14 יאָהר ביז קט״ז

אמציה צוזאַמען מיט זיין זוהן עוזיהו נאָך 15 יאָהר ביז קכ״א

נבואות הנביאים עמוס הושע בן בארי און ישעיהו בן אמוץ.

עוזיהו אליין 37 יאָהר ביז קס״ח

יותם בן עוזיהו 16 יאָהר ביז קפ״ד

אחז בן יותם קעניגט 16 יאָהר און שטאַרבט. זיין זוהן חזקיהו ווע ט קעניג ר״ צושטערט מלכות ישראל ע״י שלמנאסר ר״ו

סנחרב מלך אשור בעלאַגערט ירושלים אַ מלאך צושלאָגט פון זיין מחנה 185 טויזענד מאן. סנחרב ציהט אב מיט שאַנדע ר״ד

חזקיהו בן אחז קעניגט 29 יאָהר רכ״ט

מנשה בן חזקיהו " 55 " ביז רפ״ד.

אמון בן מנשה. 2 יאָהר " רפ״ו

נבואות הנביא ירמיהו " רצ״ח

מלכי ישראל.

הרג׳ת אויס בעשא׳ס הויז און קעניגט 7 טעג עמרי פון שבט אפרים בעזיגט איהם ווערט אקעניג צוזאמען מיט תבני בן גנת 4 יאָהר ביז ט״ו

תבני שטאַרבט עמרי קעניגט אליין נאָך 8 יאָהר ביז כ״ג

אחאָב בן עמרי קעניגט 22 יאָהר ביז ג״א מ״ד

אחזיהו בן אחאב 2 יאָהר ביז מ״ה

א׳יהו הנביא אין הימל ארויף " מ״ז

יהורם בן אחאָב קעניגט 12 יאָהר ביז ג״א נ״ו

יהוא בן נמשי ווערט געזאַלבט פון נביא אלישע בן שפט פאַר אַ קעניג. ראָטעט אויס אחאב׳ס הויז קעניגט 28 יאָהר ביז ג״א פ״ד

יהואחז בן יהוא קעניגט 17 יאָהר ביז ג״א ק״א

יואש בן יהואחז אליין 13 יאָהר ביז ג״א קי״ד

יואש מיט זיין זוהן ירבעם 3 יאָהר ביז ג״א קי״ז

ירבעם בן יואש אליין נאָך 38 יאָהר ביז ג״א קנ״ה

זכריה בן ירבעם 6 חדשים שלום בן יבש 1 חדש. מנחם בן גדי 10 יאָהר ביז ג״א קס״ה

פקחיה בן מנחם 2 יאָהר ביז קס״ז

פקח בן רמליהו 20 „ ביז קפ״ז

הושע בן אלה פון שבט ראובן ער־מאָרדעט פקחן און ווערט אַ מלך שלמנאסר מלך אשור בעזיגט איהם. הושע טראָגט איהם מס " קצ״ה

מלכי ישראל.

הושע בן אלה זוכט הילף ביי סוא מלך מצרים, זיך צו בעפרייען פון מלך אשור. שלמנאסר בעזיעגט איהם און פערטרייבט איהם מיט די גאנצע עשרת השבטים אין ערי מדי. מלכות ישראל, נאך איהר עקסיסטיערן 241 יאָהר ווערט צו שטערט אין יאָהר אין 6 יאָהר פון חזקיהו מלך יהודה ר״ו.

יאשיהו בן אמון קעניגט 31 יאָהר פאלט אין מלחמה געגן פרעה נכה. ג. אלפים. שט״ז

יהואחז בן יאשיהו רעגירט 3 חדשים: יהויקים בן יאשיהו 11 יאָהר בי״ ג. א/פים. שכ״ז

נבואת הנביא יחזקאל בן בוזי הכהן ג. אלפים של״ג.

יהויכין בן יהויקים רעגירט 3 חדשים. נבוכדנצר מלך בבל פערטרייבט איהם מיט נאך טויזענדער אידן קיין בבל מאכט פאר א קעניג זיין אנקעל צדקיהו בן יאשיהו וועלכער קעניגט 11 יאָהר. נבוכדנצר האָט ביי צדקיהו ערפאהרן אונטרייהייט צו איהם, ער נעהמט איין ירושלים. פערטרייבט די אידן קיין בבל. צווישן זיי דניאל, חנניה מישאל ועזריה. פערברענט דעם בית המקדש אום תשעה באב ג. אלפים ש/״ח.

גד/יה בן אחיקם וואָס ווערט פון נבוכדנצר שטאָטהאלטער איבער די פער= בליעבענע אידן אין ארץ ישראל, ווערט ערמאָרדעט פון ישמעאל בן נתניה ג. אלפים. של״ט.

נבוכדנצר קעניגט אין בבל 45 יאָהר. זיינע זיהן ערמאָרדן איהם ג. אלפים. שס״ד

אויל מרודך זיין זוהן בעפרייט יהויכין פון תפיסה ערהויבט איהם צו אנשיא איבער די פערטריבענע אידן קעניגט אין בבל 23 יאָהר ביז שפ״ז.

בלשצאר זיין זוהן ווערט א קעניג דניאל ערקלערט איהם די געהיימע שריפט וואָס א האנד האָט אין זיין פאלאץ אויפגעשריעבן בעת ער האָט זיך בענוצט צום באל מיט די כ/ים פון בית המקדש דריוש מלך מדי און כורש מלך פרס בעזיעגן איהם נאך זיין קעניגן 3 יאָהר. שפ״ט

כורש מלך פרס ערלויבט די אידן צוריקקעהרן אין ארץ ישראל און בויען דעם בית המקדש. זרובבל בן פדיה בן שאלתיאל בן יהויכין און יהושע בן יהוצדק בן שריה און מיט זיי 42 טויזענט אידן געהן קיין ארץ ישראל. די שומרונים ווילן בויען דעם בית המקדש מיט די אידן צוזאמען די אידן ענטזאגן זיי. דורך פאלשע מסירות שטערן די שומרונים דאס בויען, כורש מלך פרס שטארבט ג. אלפים שצ״ב

אחשורש קעניגט נאך כורש אסתר ווערט אמלכה שצ״ט

דער נס פורים ג. אלפים ת״ד

אחשורש קענינט 14 יאהר. דריוש השני בן אחשורש ואסתר קעניגט נאך איהם אין יאהר ג. אלפים ת״ו

דריוש השני ערלויבט בויען דעם בית המקדש. חגי זכריה ומלאכי. נאך 4 יאהר בויען ווערט דער בית המקדש פארטיג אין יאהר ת״ב

ברוך בן נריה, ירמיה הנביא׳ס תלמיד שטארבט אין בבל. עזרא געהט נאך ירושלים, מיט איהם פיעל אידן. אנשי כנסת הגדולה ת״ג
נחמיה בן חכליה ווערט פחה שטאטהאלטער אין ארץ ישראל בעפעסטיגט די מויערן פון ירושלים תכ״ו

כהן גדול ידוע בן יונתן, נאך איהם זיין זוהן חניו הראשון אלכסנדר מוקדון. תל״ב
אלכסנדר מוקדון שטארבט, ארץ ישראל קומט אונטער מלכי מצרים. תלמי לאגעס. 1 שמעון הצדיק בן חניו כהן גדול. תלמי פיהרט אוועק 100 טויזענד אידן געפאנגן קיין מצרים ת״ז

די אידן פאנגן אן רעכענען זייט די גריכישע הערשאפט איבער ארץ ישראל בעקאנט אונטערן נאמען „מנין שטרות״ ת״ן

תלמי 2 פהילאדעלפהוס קעניג אין מצרים. אלעזר שמעון הצדיק׳ס ברודער כהן גדול, די תורה ווערט איבערזעצט אויף גריכיש דורך 72 זקנים וואס ווערן גערופן דאצו נאך אלכסנדריה. בעקאנט אונטערן נאמען „תרגום השבעים״ אנטיגנוס איש סוכו. תס״ה

תלמי 3 אייערגעטעס קעניג אי מצרים. כהן גדו׳ מנשה נאך אים כהן גדול חניו השני בן שמעון הצדיק. יוסף בן טוביה ווערט א תקיף ביים מלך, דינגט אב ביי איהם די שטייערן וואס ארץ ישראל און אנדערע מדינות צאהלן איהם

ער און זיין פאמיליע ווערן רייך און הערשזיכטיג. פון דאן בילדעט זיך ביי אידן א מפלגה פון רייכע אריסטאקראטן, וועלכע זוכן אנייצופיערן אין ארץ ישראל פרעמדע זיטן און קולטור. פארלויפער פאר די צדוקים פארטיי וועלכע דורך יענע איז פזעל אידישע בלוט פערגאסן געווארן. ג. אלפים תק״מ

תלמי 4 פהיליפאטאר קעניג אין מצרים נאך זיין טויט בלייבט זיין זוהן תלמי 5 עפהיפהאנעס 5 יאהר אלט. אנטיוכוס הגדול מלך סוריא און פהילפ מלך מוקדון פעראייניגן זיך צו צוטיילן מצרים צווישן זיך. די רוימער שטערן. ענדליך בעזיגט דאך אנטיוכוס, תרמי״ם פעלדהער, סקאפוס. דורך אשלום, ביי וועלכן תלמי נעמט קלעאפאטרא אנטיוכוס טאכטער פאר אפרוי קומט ארץ ישראל דאך אונטער מלכי סוריא. אנטיוכוס שטארבט זיין זוהן סיליקוס 6 ווערט קעניג אין סוריא

יוסי בן יועזר ויוסי בן יוחנן די ערשטע פון די זוגות מקבלי התורה שבע״פ תקע״ג.

יוסף בן טוביה שטארבט נאך איהם אויך חניו השני כהן גדול. זיין זוהן שמעון השני כהן גדול אקורצע צייט. נאך איהם זיין זוהן חניו השלישי כהן גדול. סילייקוס שטארבט זיין זוהן אנטיוכוס הרשע עפהיפאנעס ווערט קעניג אין סוריא. תקפ„ה.

די גריכישע פארטיי — מתיונים — זייען זיך משתדל און ווירקען אויס דאס אנטיוכוס נעהמט צו די כהונה גדולה פון חניו. און פערקויפט עם פאר געלד אן ישוע־יזון דעם ראש פון די פארטיי חניו ווערט פערשיקט נאך אנטיוכא און דארטן ערמארדעט תקפ„ו

אנטיוכוס קומט אין ירושלים. 50 טויזענד אידן ווערן דורך איהם געהרגט, און מעהר ווי אזויפיעל פיהרט ער אוועק געפאנגן נאך סוריא תקפ„ט

תקופת החשמונאים.

אנטיוכוס איז גוזר שמד אויף תורה און מצות, מענעלאוס אכהן גדול. מתת יהו בן יוחנן החשמונאי און זיינע 5 זיהן ארגאניזירן אנאפענעם אויפשטאנד געגן אנטיוכוס. תקצ„ב.

מתתיהו שטארבט, זיין זוהן יהודה המכבי איבערנעהמט די אנפירונג. גרויסע נצחונות איבער אנטיוכוס חיל. נס חנוכה. תקצ„ה

חניו הרביעי בן חניו השלישי געהט נאך מצרים. יוסי בן יועזר ווערט געהרגת

דורך בכחידס, וועמען אלקימוס׳ דער כהן גדול האט געבראכט פון סוריא, געגן יהודה, אין איינע פון די מלחמות פאלט יהודה המכבי ווי א העלד מיטן שווערד אין האנד. ג. אלפים תר״א

יונתן, יהודה׳ס ברודער, ווערט כהן גדול און אנפירער. ירושלים געפינט זיך אונטער די מתיונים. די פארטייען צדוקים און איסיים. דאס פאלק איז מיט די תורה—טרייע פרושים. יהושע בן פרחיה און נתאי הארבלי ראשי הסנהדרין. יונתן ווערט איינגעלאדן פון טריפהאן און פון איהם, נאך 19 יאהר אנפיהרען ערמארדעט תרי״ט

שמעון, יונתן׳ס ברודער, ווערט נשיא און כהן גדול, ער בעפרייט ירושלים פון די מתיונים. און דאס פאלק-פון פרעמדע הערשאפט, רעגיערט 9 יאהר מיט הצלחה פארן פאלק. זיין איידאם תלמי בן חביב, קאמענדאנט איבער יריחו, לאדעט איהם מיט זיין פאמיליע איין צו זיך. ערמארדעט זיין שוויגערפאטער שמעון מיט זיינע צוויי זיהן. דער דריטער יוחנן-הורקנוס, וועלכער האט זיך גע-ראדע אויפגעהאלטן, אין גזר קומט אין ירושלים, ווערט נשיא און כהן גדול. יהושע בן פרחיה און נתאי הארבלי ראשי הסנהדרין. „ תרכ״ח

יוחנן הורקנוס, בעקאנט אין תלמוד אונטערן נאמען יוחנן כהן גדול, איבער-געבן די פרושים. דורך זיגרייכע מלחמות פערברייטעט ער די גרעניצן פון ארץ ישראל, נעהמט איין ארץ אדום, צווינגט די אדומים זיך מגייר זיין, אנטיפטר האדומי ווערט פון איהם שטאטהאלטער אין אדום. צוליעב אנ׳עפנט-ליכע בעליידיגונג פון איינעם פון די פרושים, ווערט ער א דם שונא די פרושים, און געהט איבער צו די צדוקים. יהושע בן פרחיה ענטלויפט קיין מצרים. נאך זיין רעגיערן 30 יאהר, גיט ער איבער פארן טויט די רעגירונג זיין פרוי, און שטארבט. „ תרנ״ח

זיין זוהן יהודה-אריסטובל ערהויבט זיך, מיט דער הילף פון די צדוקים, נאך זיין פאטערס טויט, געגן זיין מוטער. זעצט איהר איין אין תפיסה, וואו קורץ נאכדעם שטארבט זי דארטן פון הונגער און צרות. אויך זיינע ברידער פער-שפארט ער אין פעסטונג, נאר זיין ברודער אנטיגנוס האט אנפאנגס ביי איהם חן. נאך א קורצע צייט לאזט ער אויך איהם ערמארדן, פול מיט גראם און געוויסענסביסע אויף זיינע אייגענע מעשים. שטארבט ער פון אבלוטשטורץ אין יאהר „ תרנ״ט

אריסטובל׳ס אלמנה, שלומית אלכסנדרה, בעפרייט איהר מאנס ברידער. לויט

דען דין יבום נעהמט זי דעם עלטסטן פון זיי, דעם 22 יעהריגן אלכסנדר ינאי, וועלכן זי מאכט נאכהער פאר א מלך און כהן גדול. שמעון בן שטח ווירקט אויס דורך זיין שוועסטער שלומית המלכה, א טאָלעראנטע בעהאנדלונג פאר די פרושים. יהושע בן פרחיה קריגט דורך זיין השתדלות די ערלויבניס צוריק צו קומען נאָך ירושלים.

יהושע בן גמלא גרינדעט חדרים און בתי ספר אין יעדע שטאָט, צו ענדע פון זיין רעגירונג פערליערט די מלכה שלומית, וועלכע איז מיט 15 יאהר עלטער אלס ער, די השפעה איבער איהם, ער פאנגט זיך אָן אויך אָבצוגעבן מיט פרעמדע. די צדוקים געווינען דעם גאנצן איינפלוס אויף איהם. אונטער זייער דרוק פאנגט ער אָן צו בעהאנדלען די פרושים מיט די גרעסטע אכזריות אין זיין און זיינע פלגשים׳ס געגענווארט ווערן 800 פרושים אויסגעהאנגען נאָכדעם ווי מען האָט פאר זייערע אויגן זייערע פרויען און קינדער אויסגעשאָכטן. נאָך אנ׳אויפשטאנד געגן איהם, לאָזט ער דורך זיינע געדונגענע פרעמדע מיליטער אויס הרגנ׳ן 600 פרושים. אין דער לעצטן צייט פון זיין טיראנישע רעגירונג זייען איבער 50 טויזענד אידן אומגעבראכט געוואָרן. נאָך א רעגיערן פון 24 יאָהר, ווערט ער קראנק 3 יאָהר, לאָזט א צואה זיין פרוי צוריק צוגעבן די אינערליכע הערשאפט צו די פרושים, און שטארבט אין יאָהר ג׳ אלפים תרפ״ה

שלומית=אלכסנדרה איבערגיבט די פערוואלטונג צו די פרושים. דאָס לאנד לעבט גליקליך, שמעון בן שטח ויהודה ב׳ טבאי נשיאי הסנהדרין. רעגיערט 9 יאָהר און שטארבט אין יאָהר תרצ״ג

די ברידער הורקנוס און אריסטובל, אלכסנדר ינאי׳ס זיהן, נאָך פיעל שטרייט איבער די מלוכה, מאכן צווישן זיך שלום. הורקנוס ווערט כהן גדול, אריסטובל מלך. און רעגיערט אָהנע מחלוקת ביז תרצ״ו

שמעיה ואבטליון ראשי הסנדרין, הלל קומט פון בבל מקבל זיין ביי זיי. תורה און מברר זיין, זיינע ספקות. בלייבט אין ארץ ישראל א לענגערע צייט און פאָהרט צוריק נאָך בבל.

(ירושלמי פסחים פרק ו׳)

אנטיפטער האדומי, דער יועץ פון הורקנוס, וועלכער וויס אז ווען הורקנוס מיט זיין שוואכן הארעקטער, זאָל קומען צו דער הערשאפט וועט ער זיין א ווערקצייג אין זיינע הענד, רייצט איהם געגן זיין ברודער אריסטובל. און רעדט איהם אָן צו ברעכן דעם שלום, מיט דער הילף פון מלך ערב פיהרט ער- מיט איהם דויערנדע מלחמות, חוני המעגל דער בערימטער צדיק ווערט דאָן

קורא הדורות.

געהרגת, ביז די ביידע שטרייטענדע ברידער ווענדן זיך צו רוים, זי זאָל קומען איינשטעלן ארדנונג אין לאַנד. פּאָמפּעיוס דער רוימישער פעלדהער, נוצט אוים די געלעגנהייט און קומט קיין אַרץ ישראל. זעהענדיג אז פאַר רוים לוינט בעסער דאָס דער שוועכלינג הורקנוס זאָל בלייבן הערשער אין לאַנד לאָזט ער איהם איבער אלס כהן גדול און רעגירער. אָהנע דעם טיטול „מלך" אריסטובול'ן מיט זיינע 2 זיהן פיהרט ער אוועק אלס געפאַנגענע נאָך רוים, און פון דאַן האָט רוים איהרע אייזערנע נעגל א'ין טיעפער אין אידישן פאָלקס קערפּער אריינגעדרונגען, אזוי האָבן די ברידער, די חשמונאים, זייער אייגן פאָלק מיט די אייגענע הענט צו פרעמדע איבערגעבן. ג. אלפים תרצ"ז.

הורקנוס רעגיערט 24 יאָהר. די פאקטישע הערשאפט אבער געפינט זיך אין די הענד פון אנטיפּטר האדומי און זיינע 2 זין פזאל און הורדוס די הנהגה פון די סנהדרין ווערט בטל. די ישיבית אונטער די בני בתירה. " תשי"ט.

אנטיגנוס בן אריסטובל ענטלאָפן פון רוים. מיט דער הילף פון די פרתים בעזיעגט ער הורקנוס'ן, און רעגירט 4 יאָהר ביז " תשכ"ג.

מלוכת הורדוס.

הורדוס פאָהרט קיין רוים, און קומט פון דאָרטן, מיט געלט אויסגעקויפט, אלס מלך יהודה. מיט דער הילף פון רוימישע לעגיאָנען, בעזיגט ער אנטיגנוס'ן וועלכער ווערט צוריק פערשיקט נאָך רוים און דאָרטן געטויט. רעגיערט מיט די גרעסטע אכזריות, ווי נאָר אַ אדומי איז דאצו פעהיג. הלל קומט פון בבל בני בתירה גיבן איהם איבער די נשיאות " תש"ל.
הורדוס לאָזט פיעל פון די סנהדרין, ווי די אלע וויניגע פון די חשמונאים פאמיליע נאָך איבערגעבליבענע, איינציגווייז ערמאָרדען. זיין יונגן און שעהנעם שוואָגער דעם כהן גדול אריסטובל בן הורקנוס, זיין 80 יאָהריגן שוויע-גערפאָטער דעם אלטן הורקנוס, זאָגאר זיין שעהנע און עדלע פרוי מרים, די טאָכטער פו' הורקנוס, מיט איהרע צוויי זיהן, די לעצטע חשמונאים, די אלע ווערן פון איהם ערמאָרדעט. טויזענדע פון די שעהנסטע און בעסטע ביי אידן ווערן דורך זיינע בעפעלן אויס-געהרגת. אום זיך צו צושמייכלען צו זיינע בעשיצער, די רוימער, פירט ער איין אין אַרץ ישראל רוימיש-גריכישע קולטור און זיטן. לאָזט בויען טהעאטערן און צירקוס. אום אויך ביי אידן אביסל נושא חן צו זיין, בויט ער איבער דעם בית המקדש מיט גלאנץ און פראכט. רעגירט 34 יאָהר. און שטארבט פעראכט און פערהאסט פון

קורא הדורות.

גאנצן פאָלק. אין שבט פון יאָהר ג. אלפים תשנ,,ז
ישוע הנוצרי ווערט געבאָרן, די קריסטליכע צייטרעכענונג. פאנגט זיך אָן. תשס,,א.

1

לויט די צואה פון הורדוס, ווערט די הערשאפט איבער ארץ ישראל פערטיילט צווישן זיינע 3 זיהן, ארכעלעאוס, אנטיפוס און פהיליפוס. ארכעלעאוס ווערט רעגענט איבער ירושלים און יהודה. אום פסח ערהויבט זיך אנ׳אויפשטאנד געגן אים, וועלכן ער דערשטיקט מיט פיעל בלוט פערגיסונג. ארכעלעאוס ווערט צוליב די אידעשע אנקלאגעס אויפגעפאָדערט צו קומען נאָך רוים. ביי זיין אבוועזענהייט ערהויבט זיך דאָס גאנצע פאָלק געגן אים, און שיקט אגרויסע דעפוטאציע נאָך רוים מיט דער ביטע זיי צו בעפרייען פון די אדומים-משפחה דער רוימישער קיסר אויגוסטוס, זעצט איהם נאָך א 9 יאָהריגע ממשלה, ארונטער. און פערשיקט איהם נאָך גאַליען תשס,,ו

6

די רוימער זעצן איין אין ארץ ישרא, זייערע בעאמטע וועלכע שטעהן אונטער די רוימישע שטאָטהאלטער פון סוריא.
הלל הבבלי נשיא הסנהדרין שטארבט, זיין זוהן רבן שמעון ווערט נשיא. תש״ע

10

אונטער דעם רוימישן בעאמטן פינטיוס פילאטוס, ווערט ישוע הנוצרי פערמשפט צום טויט און געקרייציגט 33 יאָהר אַלט. כהן גדול איז דאן יוסף בן כיפא. תשצ״ד

34

דער רוימישער קיסר קאיוס קאליגולא בעפעהלט אריינצושטעלן זיין בילד אין בית המקדש. דאָס פאָ,ק בעשליסט זיך ענטגעגן צו שטעלן, דער פילוסוף פילון האלכסנדרוני פאָהרט נאָך רוים, זיך משתדל זיין די גזרה בטל צו מאכן. פועל׳ט עס נישט. נאָך קורצן ווערט קאליגולא ערמאָרדעט. און די גזרה ווערט בטל ק,ודיוס דער נייער קיסר מאכט א גריפוס. הורדוס אנ= איניקל פאר א מלך איבער ארץ ישראל, די קריסטליכע לעהרע פאנגט אָן זיך פערשפרייטן אין דער וועלט תשצ״ו

36

אגריפוס רעגיערט 7 יאָהר. הילני קעניגין פון אדיאבענע מיט איהרע זיהן זייען זיך מגייר. רבן גמליאל הזקן בן רבן שמעון נשיא פון די סנהדרין. תת״ג

43

ווידער רוימישע בעאמטע אין ארץ ישראל, אגריפוס השני פירשט פון חילקית יוערט א ממונה איבער דעם בית המקדש, די שטרענגע פערוואלטונג פון די

רוימער, און וויער ניט אכטונג די אידישע תורה רייצט אויף דעם פאָלק
געגן רוים. רבן שמעון בן רבן גמליאל הזקן, נשיא הסנהדרין. ג״א תתט״ו

55

דער לעצטער רוימישער בעאמטער, גאסיוס פלארוס, ברענגט מיט זיינע שווי=
דערליכע מעשים און בעהאנדלונג, צו אנ׳אָפענעם אויפשטאנד געגן רוים. וועל=
כער ברעכט אויס אין יאָהר „ תתכ״ז

67

דער קיסר נעראָן שיקט זיין פעלדהער אספסיאָנוס מיט פיעל מיליטער נאָך
ארץ ישראל אונטערדריקן דעם אויפשטאנד. א פערטל מיליאָן אידן קומען אום
אין די בלוטיגע מלחמות. נעראָן שטאַרבט. אספאסיוונוס ווערט אויסגערופן אַ״ם
קיסר. גיט איבער די אָנפיהרונג צו זיין זוהן טיטוס „ תתכ״ט.

69

טיטוס בעלאַגערט ירושלים, נאָך שווערע מלחמות, צוליעב הונגער און קראנק=
הייטן אין שטאָט, נעהמט ער איהר איין, מעהר אלס א מיליאָן אידן
זיינען במשך דער צייט אומגעקומען, דער בית המקדש ווערט פערברענט, דאָס פאָלק
פערטריעבן פון זיין לאנד. תשעה באב
רבן שמעון בן גמליא׳ ווערט געטויט. זיין זוהן רבן גמליאל נאָך קליין, פון
צו זיין אַ נשיא. „ תת״ל

70

רבן יוחנן בן זכאי ווירקט אויס ביי די רוימער איהם מיט די סנהדרין זיך
לאָזען בעזעצן אין יבנה. דער מקדש חניו אין אלכסנדריא ווערט הרוב
„ תת״לא

71

רבן יוחנן בן זכאי שטארבט, רבן גמליאל השני ווערט נשיא. ר׳ אליעזר בן
הורקנוס, ר׳ יהושע בן חנניה, דער יונגער רבי עקיבא זיינע חברים, די
מחלוקת מיט ר׳ יהושע. ר׳ עליעזר בן עזדיה צייטווייליג נשיא.
עקילס הגר מאכט דעם תרגום אונקלוס, אויף תורה. „ תת״מ 80
רבן גמליאל שטארבט. די סנהדרין געהט אריבער נאָך אושא.
די אידן אין מצרים קיריניקא אין ציפערן ערהייבן זיך געגן רוים. די ברי=
דער פפוס און לוליינוס די אָנפיהרער ביי די אידן אין ארץ ישראל. דער
קיסר טראיאנים דערשטיקט דעם אויפשטאנד מיט גרוים אכזריות. און שטארבט „ תתע״ז

117

דער קיסר אדריאנוס פערשפרעכט אידן פרייהייט און לאָזן צוריק אויפבויען
דעם בית המקדש. נאָך זיין חרטה האָבן דארויף, ארגאניזירן די אידן אנ׳־
אויפשטאנד געגן רוים. דער תנא ר׳ יהושע בן חנניה בערוהיגט זיי ענדליך

ברעכט אוים דער אויפשטאנד אונטער בר כוכבא, אין ביתר, ר׳ עקיבא און ת׳מידים שטיצן איהם ג. א׳פים תתצ״א.

131

בר כוכבא ווערט שטאַרק אויף זיינע נצחונות, הרגת ר׳ אלעזר המודעי נאָך דריי מיט אהאַלב יאָר׳יגע מלחמה, פאלט ביתר, אום תשעה באב. איבער א האַלב מיליאָן אידן ווערן במשך דער צייט אויסגע׳הרגת. ר׳ עקיבא ווערט געטויט על קדוש השם. ירושלים ווערט אויפגעאַקערט און קריגט פון קיסר אדריאַנוס דעם נאָמען עליא קאַפּיטאָלינא. אונטער טויט שטראָף ווערט די אידן פערבאָטן צו בעטרעטן די שטאָט. תתצ״ה 135

רבן שמעון בן גמליאל השלישי נשיא פון די סנהדרין אין טבריה. זיינע חברים ר׳ מאיר, ר׳ יהודה ברב אלעאי. ר׳ יוסי בן חלפתא. און ר׳ שמעון בן יוחאי. תתק״כ

160

ר׳ יהודה הנשיא, רבנו הקדוש, בן רבן שמעון א ז מסדר די משנה ר׳ אלעזר ברבי שמעון ר׳ יוסי ברבי יהודה, ר׳ ישמעאל ברבי יוסי. רבי אושעיא און ר׳ חייא אין זיין צייט. און שטארבט תתקנ״ג

193

רבי גמליאל השלישי ר׳ יהודה׳ס זוהן, נשיא הסנהדרין די חברים פון רבנו הקדוש, וועלכע איבערלעבן אים, איז דער לעצטער דור פון די תקופת התנאים תתק״ס.

200

די ערשטע אמוראים אין ארץ ישראל. ר׳ חייא מיט זיינע זוהן, ר׳ ינאי, רבן חנינא בר חמא, ר׳ יהודה נשיאה דער ערשטער, בן ר׳ גמליאל, נשיא אי׳ טבריה בי דינא דשרי משחא. רב, רבנו הקדוש את׳מוד געהט נאָך בבל. וואו ר׳ שילא איז ריש סדרא. תתקע״ט.

219

רב גרינדעט, נאָך ר׳ שילא׳ס טויט, א ישיבה אין סורא שמואל בר אבא הכהן ראש ישיבה אין נהרדעא. תתקפ״ה

225

ר׳ גמליאל הרביעי, ר׳ יהודה נשיאה׳ס זוהן, נשיא אין ארץ ישראל אקורצע צייט נאָך איהם זיין זוהן ר׳ יהודה נשיאה השני ר׳ יוחנן, ר׳ אלעזר בן פדת און ריש לקיש אין זיין צייט תתקצ״ה.

235

רב שטארבט אין סורא, אין טיפן עלטער, זיינע תלמידים געהן נאָך ישיבת נהרדעא ד. אלפים ז׳ 247

שמואל שטארבט, 97 יאָהר אלט, אין נהרדעא ד. אלפים י״ד
254

פפא בר נצר, דער ראש פון אויפשטענדיגע, מאכט חרב נהרדעא. ד. אלפים י״ט
259

ר׳ יוחנן ראש ישיבה אין טבריה, שטארבט 110 יאָהר אלט, קורץ נאָך איהם
אויך ר׳ אלעזר בן פדת ד. אלפים מ״ט
289

רב הונא ווערט נאָך שמואל׳ס טויט, ראש ישיבה אין סורא, 40 יאָהר שטארבט
90 יאָהר אלט. זיינע תלמידים געהן נאָך פומבדיתא. ד. אלפים נ״ז
297

רב יהודה בר יחזקאל גרינדעט א ישיבה אין פומבדיתא, שטארבט 80 יאָהר
אלט ד. אלפים נ״ט
299

ר׳ יהודה נשיאה השני שטארבט, זיין זוהן ר׳ גמליאל איבערנעמט די נשיאות
ד. אלפים ס״ב
302

רב אמי ראש ישיבה אין טבריה, ארץ ישראל, נאָכדעם אין קסרי צוזאמען
מיט ר׳ אבהו. רב אמי שטארבט, איבער די גזרות ושמדות ווערן די ישיבות
אין א״י בטל. די חכמי ארץ ישראל וואנדערן אויס נאָך בבל ד אלפים ס״ה
305

ר׳ גמליאל, בן ר׳ יהודה נשיאה השני, שטארבט. זיין זוהן ר׳ יהודה נשיאה
השלישי. ד. אלפים ס״ח
308

רב חסדא הכהן, ראש ישיבה אין סורא, נאָך רב דונא, שטארבט 92 יאָהר
אלט. די ישיבת סורא ווערט צייטווייליג בטל ד. אלפים ס״ט
309

רב נחמן בר יעקב ראש ישיבה אין שלהי, נאָכדעם אין מחוזא און נהרדעא
שטארבט 85 יאָהר אלט ד. אלפים פ׳
320

רבה בר נחמני, ראש ישיבה אין פומבדיתא, נאָך רב יהודה ווערט געזוכט
פון שבור מלכא 2 בן איפרא הורמיז המלכה און שטארבט אין פעלד
ד. אלפים פ״א
321

רבי יוסף בר חמא סגי נהור אין פומבדיתא נאָך רבה׳ן ד. אלפים פ״ג.
323

דער ביזאַנטישער קיסר קאָנסטאנטין איז גוזר גזרות רעות די קריסטליכע

גייסטליכע קלייבן זיך אויף אין ניקעא קליין אזיען, בעשליסן פערשיעדענע גזרות
אויף אידן, דארונטער אז זייער פסחא זאל איבערגעטראגן ווערן אויף א זונ־
טאג, אום מען זאל ניט פייערן צוזאמען מיט דעם אידישן פסח   ד״א פ,,ה

325

אביי בר כייליל אין פומבדיתא, נאך רב יוסף שטארבט 60 יאהר אלט
ד. אלפים צ,,ח. 338

ר׳ יהודה נשיאה השלישי שטארבט אין ארץ ישראל   ב. אלפים ק,,ח.

348

רבא בר יוסף אין פומבדיתא, נאך אביי שטארבט 74 יאהר אלט ד. אלפים קי,,ב.

352

רב פפא בר חנן און רב הונא בריה דרב יהושע בעניען די ישיבה אין סורא
זייען מרביץ תורה אין נרש ביי סורא.   ד. אלפים קי,,ג.

353

רב נחמן בר יחחק אין פומבדיתא, נאך רבא. שטארבט   ד. אלפים קט,,ז.

356

הלל הנשיא, ר׳ יהודה׳ס זוהן, ארדנעט אין ארץ ישראל מיט דער הסכמה
פון חכמי ישראל, די קביעות פון אידעשן לוח   ד. אלפים קי,,ט.

359

דער קיסר יוליאנוס גוט צו אידן, פעראָרדנעט צוריק אויפבויען דעם בית
המקדש. פאלט אין מלחמה געגן פרס 32 יאהר אלט. און דער בנין הערט אויף
ד. אלפים קכ,,ג.

363

רב אשי בר שימי ראש ישיבה אין מחס״א ביי סורא נאך דעם טויט פון רב
פפא אין יאהר   ד. אלפים קל,,א.

371

רב חמא פון נהרדעא, ראש ישיבה אין פומבדיתא. נאך רב נחמן בר־יצחק.
שטארבט   ד. אלפים קל,,ז.

377

רב זביד אין פומבדיתא, נאך רב חמא שטארבט   ד. אלפים קמ,,ד.

384

רב דימי מנהרדעא אין פומבדיתא נאך רב זביד. שטארבט   ד. אלפים קמ,,ז.

387

רפרם בר פפא אין פומבדיתא נאך רב דימי שטארבט   ד. אלפים קנ,,ג.

393

רב כהנא אין פומבדיתא, נאך רפרים שטארבט   ד. אלפים קע,,ה. 415

רב אחא בריה דרבא אין פומבדיתא, נאך רב בהנא· שטארבט ד· אלפים קע״ח
418

רב אשי בר שימי ראש ישיבה אין סורא· צוזאמען מיט זיין חבר רבינא, באספת חכמי ישראל, זייען מסדר דעם תלמוד רבינא שטארבט, נאך איהם שטארבט רב אשי ד· אלפים קפ״ו
426

רבי גמליאל דער לעצטער נשיא אין ארץ ישראל· דער ביצאנטישער קיסר טהעאָדאָסיוס איז די נשיאות מבטל ד· אלפים קפ״ח
428

מרימר אין סורא· נאך רב אשי שטארבט ד· אלפים קצ״א
431

רב גביהה מבי כתיל אין פומבדיתא, נאך רב אחא שטארבט ד· אלפים קצ״ג
433

רפרם השני אין פומבדיתא· נאך רב גביהה שטארבט ד· אלפים ר״ג
443

רב אידי בר אבין אין סורא· נאך מרימר שטארבט ד· אלפים רי״א
451

רב נחמן בר רב הונא אין סורא, נאך רב אידי· שטארבט ד· אלפים רי״ד
451

רב רחומי אין פומבדיתא, נאך רפרם השני· שטארבט ד· אלפים רט״ו
455

מר בר רב אשי אין סורא· נאך רב הונא· שטארבט מוצאי יום כפור ד״א רכ״ז
467

רבה תוספאה· אין סורא, נאך מר בר רב אשי שטארבט ד״א רל״ד
474

רב סמא בריה דרבא אין פומבדיתא, נאך רב רחומי, שטארבט אין זעלבן יאָהר שטארבט רבינא האחרון· אשוועסטער׳ס זון פון ערשטן י״ג כסלו ד״א ר״ה
475

די מלכי פרס יזדיגרד און זיין זוהן פירוז הרשע זייען גוזר גזרות שמד· קינדער ווערן איבער געוואָרפן אָבגע׳שמד אין דת האמגושים· מאסן אידן וואנדערן אוים פיערע אידן, צווישן זיי דער ראש גלותא הונא מארי און פיעל חכמי ישראל, ווערן געטויט· סורא ווערט חרב ד· א׳לפים רמ״ז·
487

רב יוסי אין פומבדיתא· דער ערשטער פון די רבנן סבוראי· אין זיינע צייטן

איז אָבגעשלאָסן געוואָרן דער ת׳מוד בבלי. ד. אלפים ר,,ס

500

דער פערסישער גייססליכער מצדק רעפאַרמירט די אמינה פון די אמגושים. פרעדיגט קאַמונאַ׳ע אָרדנונג אויך אין פאַמיליען–לעבן. דער קעניג קאבאד בעפעהלט זיינע לעהרען איינצופיהרן אין לעבן. די אידן אונטער דער אָנפיהרונג פון יונגן ראש הגולה מר זוטרא השני, ערהויבן זיך געגן מלך פרס, אום זיך צו שיטצן פון מצדק׳ס לעהרען. 7 יאָהר בלייבט מר זוטרא זעלבסטשטענדיג, ענדליך ווערן די אידן, דורך די פערסישע איבערמאַכט בעזיעגט. מר זוטרא און זיין זיידע מר חנינאי ווערן עפענט׳יך איפגעהאַנגן. זיין פאַמיליע רעטעט זיך, מיטנעהמענדיג מיט זיך דעם איינינע טעג אלטן קינד פון מר זוטרא.

ד. אלפים ר,,פ.

520

דער ביצאַנטישער קיסר יוסטיניאנוס איז גוזר גזרות רעות אויף אידן.

ד, אלפים שי,,ג.

553

דער פערסישעה קעניג הורמיז 4 איז גוזר אויף אידן גזרות שמד. די ישיבות אין בבל ווערן ווידער געשלאָסן ד. אלפים שמ,,א.

581

רב חנן מאישקיא עפענט צוריק די ישיבה אין פומבדיתא, נאָכדעם ווי בהרם בעזיגט הורמיז׳ן און עס פאַנגט זיך אן תקופת הגאונים. (.ויט גרעץ בעגינט די תקופת הגאונים מיט 60 יאָהר שפעטער מיט מר יצחק גאון *).

ד. אלפים שמ,,ט.

589

סיסעבוט דער קעניג אין שפאַניען צווינגט די אידן צו שמד׳ן אדער פער.אָזן דאָס לאַנד. נאָר ווענינע בייטן דעם גלויבן די מערערע וואַנדערן אויס נאָך פראַנק־רייך און נאָך אַפריקאַ. ד. אלפים שע,,ב.

612

מחמד פערשפרייט זיין לעהרע, דעם אישלם, צווישן די אראבישע שבטים. ער ענטלויפט פון זיינע געגנער, פון מעקאַ נאָך מעדינא. די מחמדנישע צייטרעכענונג פאַנגט זיך אָן ד. אלפים שפ״ב.

622

מחמד צווינגט דורך מלחמות, די אידישע שבטים אין אַראַביען אָנצונעהמען

*) ראה מאמרו של הח׳ ר,,א אטלאס ,,אור וצל בתלדות ישראל. ס׳ השנה תר״ס.

זיין גלויבן. ד. א, פים שפ,,ד
624
דאגאבערט דער קעניג פון פראנקרייך, איז גוזר גזרות שמד. ד. אלפים שפ,,ט
629
מחמד שטארבט, זיין נאכפאלגער כליף עומר בן כתאב טרייבט ארוים די אידן פון זייערע בעזיצונגען אין אראביען ד. אלפים שצ״ב
632
דער כליף נעהמט איין ירושלים. וועלכע בלייבט פון דאן ביי די מחמדנער, בויט א מחמדאנישע קירך א מעטשעט אויף דעם הר הבית, וואו דער בית המקדש איז געשטאנען. אלע אידן מוזן פערלאזן די שטאט. ד. אלפים שצ״ח
638
גזרות שמד און רדיפות אין אלע קריסטליכע לענדער. נאר אין וועניגע ערטער קריגן די אידן צייטנווייז זיך אפצורוהען.
די אראבער נעהמען איין בבל מיט אידעשע אונטערשטיצונג. דער כליף אמאר מאכט בוסתנאי בר מר חנינא, פאר א ראש גולה, גיט איהם כוזרו מלך פרס א טאכטער פאר א פרוי נאכדעם ווי זי איז זיך מגייר.
ד. אלפים ת״ב
642
דער כליף עלי געהט אויף מלחמה געגן פרס. אין פירוז-שאבור געפינען זיך 90 טויזענד אידן וועלכע עמפפאנגען איהם מיט פריידע. דער כליף בעדאנקט זיי און בעשטעטיגט מר יצחק, דעם דארטיגן ראש ישיבה, אלס גאון.
ד. אלפים. תי״ח
658
אונערטרעגליכע רדיפות פון די וועסטגאטהישע מלכים אין שפאניען, פיעלע וואנדערן אוים נאך אפריקא. וועלכע פליעסען איין ביי די אראבישע הערשער דעם פערלאנג איינצונעהמען שפאניען. די אראבישע פעלדהערן טאריק און נאכדעם אויך מוסה-אבן-נזיר בעזווינגען שפאניען. די אידן ווערט פריי צו היטן זייער דת. ווערן אויך פעראייניגט מיט זייערע ברידער וועלכע לעבן אונטער מחמדאנישער הערשאפט אין אפריקא און אזיען. תע״ב.
712
דער ערשטער פאלשער משיח אין בבל שריני. אין די צייטן פון מר נטרונאי גאון תפ״ג
723

בולאן דער קעניג פון די כוזרים איז זיך מגייר, מיט זיין גאנצן פאָלק
ד. אלפים תצ״ב

732

די ערשטע פייטנים. יוסי בן יוסי מחבר די פיוט פון די תפלות צו מוסף
ראש השנה, און סדר העבודה צו יום כפור. ינאי מחבר די פיוטים צו די
ארבע פרשיות און איבריגע שבתים פון יאָהר. דער בעריהמטער פייטן ר׳
אלעזר הקליר. אין די תקופת הגאונים. לערך תק״י

740

רב אחאי גאון מחבר ספר „השאלתות״, נאָך איהם רב שמעון קאיארא מחבר
„הלכות גדולות״. תקי„א.

751

אבו עיסי טרעט אויף אַלס משיח. פערפיהרט פיעל אידן. פאַלט אין דער
מלחמה געגן כליף אלמנזור תק״טו

755

דער ראש הגילה שלמה בן חסדאי שטאַרבט אָן קינדער. די ירושה ברויך
איבערגעהן צו ענן בן דוד, שלמה׳ס ברודער. די גאונים רב יהודאי פון סורא
און זיין ברודער רב דודאי גאון פומבדיתא. וועלכע ברויכען איהם צו בעשטע-
טיגן, געפינען אַז ענן צוליב זיינע אידעען איז דאַצו ניט ראוי. רופן אויס זיין
אינגערן ברודער חנניה פאַר אַ ראש גו״ה. ענן טרעט אויף עפענטליך געגן
תלמוד און מסורה. און גרינדעט די קאראימישע פאַרטיי. תק„כב.

762

דער מעכטיגער קיסר קאַרל דער גרויסער שיקט אַפריינדליכע דעלעגאַציע צום
כליף חרון אל רשיד, צווישן די 3 דעלעגאַטן דער אידעשער דיפלאמאַט, יצחק
צוריקוועגס שטאַרבן די אַנדערע 2 דעלעגאַטן דער איד יצחק ברענגט צום
קיסר דעם כליפ׳ס בריעף און טייערע מתנות, צווישן זיי אויך די שליסל צום
קבר הנוצרי. אויף דעם קיסר׳ס פערלאַנג איהם צו שיקן אַ גרויסן אידישן געלעהרטן,
שיקט איהם דער כליף דעם רבנו מכיר, וועלכן ער בעזעצט אין נרבונה, פראנק-
רייך. פון איטאַליען לאָזט דער קיסר קומען דעם רבנו קלונימוס מיט זיין זוהן
בעזעצט זיי אין מאינץ. פון זיי ווערט די תורה פערשפרייט אין די
איראפאישע לענדער. תקמ״ז

787

די ערשטע בעוואוסטע בעלי מסורה ר׳ אהרן בן אשר און יעקב בן נפתלי
דער נקדן בעל נקוד ר׳ משה אין טבריה. תק״נ.

790

לודוויג דער פרומע', קאַרל דעם גרויסענס זוהן, אַ אידן פריינד. בעשיצט די אידן געגן דעם בישאָף פון ליאָן, ענגאָבאַרד. ד. אלפים תקע״ד.
814

נאָך לודוויגס טויט ווערט זיין גרויסע מלוכה צוטיילט. קאַרל דער קאַהלע קעניג אין גאַליען, לאָטהאַר קיסר איבער דייטשלאַנד און פראַנקען, די אידן פאַנגען אָן שפירען דעם איינפלוס פון די קאַטהאָלישע גייסטליכע. תר״א.
841

רב יצחק בר שמעון פון שפאַניען בעט ביי רב עמרם גאון סורא איהם צו צושיקן אַ סדור התפלות. רב עמרם שיקט עס איהם. תרל״ב.
872

נאָך פערשיעדענע חלוקי דעות צווישן די גאונים און די ראשי הגולה בריינגט דער ראש גולה דוד בן זכאי דעם רב סעדיה פון מצרים און בעשטעטיגט איהם אַלס גאון אין סורא תרפ״ח.
928

רב סעדיה שטימט זיך ניט מיט דעם ראש גולה. וואַנדערט אויס נאָך בגדאַד וואו ער פערפאַסט זיינע וויכטיגע ספרים. נאָך 7 יאָהר ווערט צווישן זיי שלום. רב סעדיה קומט צוריק נאָך סורא. שטאַרבט 50 יאָהר אַלט תש״ב.
942

דער לעצטער גאון אין סורא רב יוסף בר רב יעקב שטאַרבט ישיבת סורא וועלכע האָט עקסעסטירט מעהר ווי 700 יאָהר, ווערט בטל תש״ד.
944

4 גדולי תורה: רבנו חושיאל, רבנו שמריה בן אלחנן, רבינו משה און זיין זוהן ר׳ חנוך, פאָהרן ארויס אויף אַ שיף פון איטאַליען, זאמלען געלד אויף הכנסת כלה, ווי מעהרערע היסטאָריקער בעהויפטן, איז דאַמיט געמיינט צו שטיצן די ישיבת סורא ווערן געפאַנגען דורך דעם כליף עבד אלרחמן אלנצור. און פון אידן אין פערשיעדענע לענדער אויסגעקויפט. דער ערשטער אין קי־ראוואן, אפריקא. דער צווייטער אין מצרים, די לעצטע צוויי אין קורדובה, שפאַניען. דורך זייערע גרויסע ישיבות ווערט די תורה פערשפרייט בכל תפוצות הגולה. תש״כ 960

ר׳ הסדאי בן יצחק אבן שפרוט הויפט מיניסטער ביים כליף עבד אלרחמן 3 אין קורדובה, שרייבט זיין בעריהמטן בריעף צו יוסף מ״ך הכוזרים. אין זיין צייט די ערשטע מדקדקים מנחם בן סרוק און דונש בן לברט. שטאַרבט תש״ל
970

רב שרירא גאון אין פומבדיתא· ווערט איינגעשפארט מיט זיין זוהן רב האי אין תפיסה דורך דעם כליף אל־קדיר. און זייער פערמעגן צוגענומען מיט גרויס מיה ווערן זיי בעפרייט פון טויט. באלד דארויף שטארבט רב שרירא לערך 100 יאָהר אלט ד׳ אלפים תשנ״ז

997

רב נתן בן יחיאל פון רוים פערפאַסט דעם ספר „הערוך“. תשס״ב

1002

דער קיסר היינריך 2 פון דייטשלאנד טרייבט ארויס די אידן פון מאינץ און אומגעגענד· רבנו גרשם מאיר הגולה און דער פייטן ר׳ שמעון בר יצחק הגדול פערפאסן סליחות אויף דעם גזרת הגרוש והשמד. דער לעצטער איז זיך משתדל, אז מען זאל די אידן ערלויבן צוריק קימען אויף זייערע ערטער, דורך זיין מיה און פיעל געלד געלינגט עס איהם אויך. תשע״ג

1013

די מלכות הכוזרים ווערט צושטערט דורך דעם רוסישן פירשט מיעטיסלאַוו· פיעל פון די בית המלכות געהן נאָך שפאניען תשע״ו

1016

רבנו גרשם מאיר הגולה שטארבט אין מאינץ 58 יאָהר אלט תשפ״ח

1028

רב האי גאון שטארבט 99 יאָהר אלט· רבנו חננאל בן רבנו חושיא און דער יונגער משורר און פילוסוף ר׳ שלמה בן גבירול זייען איהם מספיד. תשצ״ח

1038

די ישיבת פומבדיתא קלייבט אויס רב חזקיה, דוד בן זכאי׳ס אנאייניקל, פאר ארא‌ש גולה און ראש ישיבה. ווערט געטויט דורך דעם כליף. ישיבת פומבדיתא, ווי ישיבות און גאונות בבל, ווערן בטל אין בבל ת״ת

1040

ישיבת סורא האָט געהאט ראשי ישיבה אין גאנצן 37 גאונים אין דער צייט פון שס„ט = תש„ד.335 יאָהר

ישיבת פומבדיתא האָט געהאט ראשי ישיבה 49 גאונים אין דער צייט פון שמ„ט ביז ת„ת. 451 יאָהר

ר׳ שמואל בן ר׳ יוסף הנגיד אבן נגדילה. א משנה למ״ך ביים כליף אין גראנאַדע 28 יאָהר. א גדול בתורה, הכמה ועושר טוט דעם כל׳ ישרא׳ גרויסע טובות. אין זיין צייט רבנו בחיי בעל „חובת הלבבות„ און די מדקדקים ר׳ יהודה בן חיוג, דער בעגרינדער, אז די שרשים פון די פעלים אין לשון

קודש האבן 3 אותיות, און ר׳ יונה אבן גנאח. ר׳ שמואל שטארבט 63 יאָהר אלט. ד. אלפים תתט״ו
1055

ר׳ שמואל הנגיד׳ס זוהן און נאָכפאָלגער אלס משנה למלך, ר׳ יוסף הנגיד ווערט ערמאָרדעט, צוזאַמען מיט נאָך 1500 אידישע משפחות, פון אויפגעהעצטן המון, 36 יאָהר א.ט אום ט׳ טבת תתכ״ז
1066 30 דצמבר.

שטאַרבן רבנו נסים בר יעקב, זיין חבר רבנו חננאל בר חושיאל און המשורר והפילוסוף ר׳ שלמה בן גבירול לערך תת״ל
1070

דער ערשטער קרייצצוג, מסע הצלב. איבער 12 טויזענד אידן ווערן ערמאָר= דעט, פיע.ע קהלות ווערן חרב, אין משך פון 3 מאָנאַט, מאַי, יוני און יולי תתנ״ו
1096

שטאַרבט רבנו יצחק בן יעקב הכהן אלפסי, 90 יאָהר אַלט. י׳ ניסן תתס״ג
1103

שטאַרבט רבנו שלמה יצחק = רש״י = 65 יאָהר אַלט. כ״ט תמוז תתס״ה
1105

די ערשטע ידיעות פון אידן אין די סלאַווישע לענדער, בעהמען פויכן און רוסלאַנד. די איינגעוואַנדערטע פון דייטשלאַנד איבער די רדיפות און הריגות פון די נוסעי הצלב תתפ״ה
1125

דער ערשטער בלוט בלבול, עלילת הדם, אין ענגלאַנד תתק״ד
1144

דער צווייטער קרייצצוג, טויזענדער אידן ווערן ערמאָרדעט.
דער גרעסטער אידישער משורר ר׳ יהודה הלוי פאָהרט נאָך ארץ ישראל, און שטאַרבט דאָרטן, ווי מען זאָגט פון אַן אַראַבער געטויט. 56 יאָהר אַלט. תתק״ו
1146

דוד אלראי ערקלערט זיך אין פרס אלס משיח. מאַכט אַ גרויסע בעוועגונג ביי אידן, זיין שוויגערפאָטער זעהט איין אין דעם אַ סכנה פאַר דעם כלל, און טויטעט איהם אין זיין בעט. תתקט״ז
1156

דער ערשטער אידישער וועלט רייזענדער ר׳ בנימין בן ר׳ יונה פון טאָדעלא
ד. אלפים תתקכ״ה

1165

שטאַרבט ר׳ אברהם אבן עזרא 75 יאָהר אלט. ר״ח אדר ראשון תתקכ״ז

1167

אום מיטוואָך כ׳ סיון ווערן אין בלאיאש, פראנקרייך, פערברענט 31 אידן אי-
בער א בלוט בלבול. רבנו יעקב תם בעל התוספות, אנ׳איינקל פון רש״י איז
גוזר תענית, און שטאַרבט פון גראם. אין זעלבן יאָהר, 71 יאָהר אלט אום
ד׳ תמוז תתקל״א

1171

פהיליפ אויגוסט קעניג אין פראנקרייך, טרייבט ארויס די אידן פון לאנד, און
נעהמט צו זייער פערמעגן. תתקמ״א

1181

דער שולטן סאלאדין ערלויבט אידן זיך בעזעצן אין ירושלים. תתקמ״ז.

1187

אין דעם קרוינונגסטאָג פון ריכארד אין ענגלאנד, ווערן פיעל אידן ערמאָרדעט,
צווישן זיי רבנו יעקב מאורליינש. א בעל התוספות תתקמ״ט.

1189

דער דריטער קרייצצוג. פהיליפ אויגוסט פון פראנקרייך און ריכארד פון ענג-
לאנד אין מלחמה מיט די מחמדנער. וויעדער א מאסן שחיטה פון אידן אין
ענגלאנד. צווישן זיי א בע׳ התוספות ר׳ יום טוב מיואני תתק״נא

1191

דער פיערטער קרייצצוג. וויעדער פיעל אידן ערמאָרדעט. פאר פיעל געלד
ערלויבט פהיליפ אויגוסט, אידן צו קומען אין פראנקרייך צוריק תתק״נח

1198

די חכמי לוניל. גרוסע ישיבות אין פראנקרייך. רבנו משולם בן יעקב. ר׳ יהודה
אבן תבון און זיין זוהן ר׳ שמואל איבערזעצן אין לשון קדש די וויכטיגע ספרים
פון רמב״ם און רבנו בחיי, וועלכע זייען געשריעבן אין אראביש. ר׳ יחונתן
מלוניל מאכט אפירוש אויף דעם אלפס. ר׳ אברהם בר דוד איז משיג דעם
יד החזקה להרמב״ם תתק״ס.

1200

רבנו משה בן מיימון רמב״ם. געבאָרן ערב פסח תת״צה. 30 מערץ 1135
אין קורדובה, שפאַניען, שטאַרבט אין מצרים אום מאָנטאָג כ׳ טבת 70 יאָהר
א,ט. ווערט נקבר ביי טבריה אין ארץ ישראל, תתקס״ה 13 דצמבר. 1204

דער פאפסט אינאקענטי 3 א צורר ישראל. אויף די גרויסע פערזאמלונג פון 1200 קאטהאלישע גייסטליכע אין לאטירני זאל, אונטער זיין אנפירונג, ווערט צווישן די פיעלע גזרות רעות אויף אידן, אויך אנגענומען אז אלע אידן, פון 12 יאהר אן, מוזן טראגן אויף זייערע קליידער אבזונדערן צייכן. אום מען זאל זיי דערקענען פון ווייטן ד. אלפים תתקע״ו.

1216

דער קעניג יאהאן פון ענגלאנד לאזט אלע אידן אריינזעצן אין תפיסה. מיט זייער גאנצן פערמעגן קויפן זיי אוים זייער לעבן און פרייהייט. איין אידן וואס האט ניט גלייך געקענט שאפן די פון איהם פערלאנגטע געלד, לאזט ער איהם די ציינער ארויסרייסן איינצ־גווייז. תתק״צ

1230

די מחלוקת צווישן די חכמי ישראל. צוליעב דעם רמבמ״ס ספרים המדע ומורה נבוכים. ר׳ מאיר בן טודרוס הלוי און ר׳ יונה גירונדי די גרעסטע געגנער. דורך א מסירה ביי דער אינקוויזיציא ווערן דעם רמב״ם׳ס ספרים פערברענט עפענטליך אין פאריז תתק״צג

1233

ר׳ משה מקוצי, בעל הסמ״ג. פאהרט ארום האלטן דרשות לשם חזוק הדת. תתק״צו.

1236

ר׳ אמנון פון מאינץ שטארבט על קדוש השם. רבנו קלונימוס איז מחבר אויף דעם די תפילה „ונתנה תוקף״.

24 וועגן מיט ספרי התלמוד ווערן דורך דער אינקוויזיציא פערברענט עפענ־טליך אין פאריז. עש״ק חקת, ו׳ תמוז ה. אלפים ב׳.

1242 6 יוני

אכזריות־דיגע הריגות און רדיפות אויף אידן אין פיעל שטעט פון דייטש־לאנד פון תתקע״ט ביז ה. אלפים ג׳.

1219—1243

דער פאפסט אינאקענטי 4 גיט ארוים א בולא אז דעה בליט ב׳בול איז פאלש ה. אלפים ז׳

1247 5 יולי

רבנו משה בר נחמן־רמב״ן־ווערט געצוואונגען צו האבן אן־עפענטליכן וכוח וועגן דת מיט׳ן משומד פאבלו כריסטיאני, און איז איהם מנצח. דאך ווערט ער אויפגעפאדערט צו פערלאזן שפאניען.

רבנו יונה גירונדי האט חרטה אויף זיין התנגדות געגן רמב״ם, אין פיעל

ערמער איז ער זיך דארויף מתודה ברבים. פערפאַסט די ספרים אגרת התשובה
און שערי תשובה, זאָגט זיך צו, פאָהרן בעטן מחילה ביים רמב"ם'ס קבר.
ווערט פערהאַלטן אין וועג און שטאַרבט אין טאלעדא. ה' אלפים כ"ג
1263

דער קעניג באַליסלאַוו פון פוילן גיט די אידן זכיות. ה' אלפים כ"ד
1264

דער רמב"ן פאָהרט נאָך ארץ ישראל, לעבט דאָרטן 3 יאָהר און שטאַרבט
לערך 75 יאָהר אַלט. ה' אלפים ל'
1270

צוליעב די שרעקליכע רדיפות און אָפטע הריגות אין דייטשלאנד, וואנדערן
אידן אוים מאסענווייז. רבנו מאיר בר ברוך מרוטנבורג ווערט אין לאָמבארדיה,
וואו ער בלייבט ווארטן אויף נאָך אנקומענדע צוזאמען צו פאָהרן קיין ארץ
ישראל, פון א משומד ערקענט, דער קיסר רודאָלף לאָזט איהם איינזעצן אין
פעסטונג ענזיסהיים, אום דאדורך אָבצוהאלטן די אויסוואנדערונג.
ד' תמוז ה' אלפים. מ"ו
28 יוני 1286

נאָך פערשיעדענע גזרות און הריגות ווערן די אידן, אין בעשטאנד פון 16,511
פערזאָן, אינגאנצן ארויסגעטריעבן פון ענגלאנד דורך עדווארד 1. ה' אלפים נ'
אָקטאָבר 1290

מהר"ם מרוטנבורג שטארבט אין פעסטונג 63 יאָהר אלט. דער קיסר לאָזט
איהם ניט ארויסגעבן מקבר זיין. י"ט אייר ה' אלפים נ"ג
1293

דער ספר „הזהר" הקדוש, פון דעם תנא ר' שמעון בן יוחאי. ווערט נתגלה
דורך ר' משה די ליאן. ה' אלפים. נ"ה
1295

אכזריות'דיגע הריגות אויף אידן אין דייטשלאנד, דורך דעם צורר רינדפ. ייש.
140 קהלות ווערן חרב. מעהר אלס 100 טויזענד אידן אויסגע'הרגת. צווישן
זיי רבי מרדכי בן הלל, בעל המרדכי על האלפסי, מיט זיין פרוי און 5 זיהן.
ה' אלפים. נ"ח
1298

רבנו אשר הרא"ש-מהר"ם מרוטנבורג'ס א תלמיד, פערלאָזט דייטשלאנד, געהט
נאָך שפאַניען,ווערט רב אין טאלעדא. ה' אלפים ס"ג
1303

ר' שלמה בן אדרת הרשב"א און רבנו אשר רופן אוים אום שבת חזון, תשעה

באב א חרם, אז איינער ווי 25 יאָהר, טאָרן ניט לערנען קיינע פיליסופיא און
חכמות חיצוניות, אויסער חכמת הרפואה. ה. אלפים ס״ה.

1305 31 יולי

פהיליפ פון פראנקרייך גיט ארויס דעם 21 יוני א געהיימען בעפעהל, אז אין א בעשטימטען טאָג זאָל מען אלע אידן פון לאנד איין זעצן אין טורמעס, דער בעפעהל ווערט אויך אויסגעפיהרט. פרייטאָג 10 טעג אין אב, 22 יולי ווערן אלע, יונג און אלט, ארייגעזעצט, אין די תפיסות איז מען זיי מודיע, אז אין א משך פון א חדש מוזן זיי פערלאָזן פראנקרייך, אונטער טויט שטראָף. אלעס ווערט פון זיי צוגענומען נאָר זייערע קליידער אויף זיך, און געלד אויף איין טאָג עסן לאָזט מען זיי. פיעל האָבן זיך גע׳שמד ערך 100 טויזענד פערלאָזן דאָס לאנד, פיעל שטארבן אויס אין וועג. „ ס״ו.

1306

אלכסנדר זיסקינד ווימפען פון פראנקפורט, קויפט אויס דעם קערפער פון מהר״ם מרוטנבורג, 14 יאָהר נאָך זיין פטירה, און ברענגט איהם צו קבר ישראל.
ד׳ אדר „ ס״ז.

1307

ר׳ שלמה בן אדרת הרשב״א שטארבט לערך 75 יאָהר אלט „ ע״.

1310

40 טויזענד פון המון אין פראנקרייך, אויפגעהעצטע דורך די גלחים צו גיין אויף אקרייצצוג, הרג׳נען אויס טויזענדער אידן, איבער 120 קהלות ווערן חרוב. אין דער היסטאָריע בעקאנט: „גזרת הרועים“ „ פ״.

1320

די אויסזעציגע מצורעים וואָס זייער וואָהנארט איז זיי אָנגעוויזן אויסן שטאָט. אלס נקמה וואָס מען גיט זיי ניט זייערע הצטרכות לויט זייער פערלאנג. פערגיפטען די ברונימער אין פאריז. ביים פערהער מאכן זיי א בלבול אז די אידן האָבן זיי אָנגערעט דאָס צו טאָן, מעהר אלס 500 אידן ווערן פערברענט פיעל ווערן אויסגעוויזן פון פראנקרייך „ פ״א.

1321

ר׳ משה די ליאן שטארבט 55 יאָהר אלט „ פ״ח.

1325

שטארבט רבנו אשר הרא״ש אין טאלעדא 78 יאָהר אלט ט׳ חשון זיין זוהן ר׳ יהודה רב אין טאלעדא. „ פ״ה.

1328

נבארה, א שפאנישע פראָווינץ, 50 יאָהר געווען אונטער פראנקרייך. ערהויבט

זיך און רייסט זיך אב פון פראנקרייך. וועהרענד דעם אויפשטאנד· בעפאלט דער המון, פון גלחם געהעצט, אויף אידן איבער 6000 אידן ערמארדעט· ד הריגות האבן זיך אנגעפאנגען אום שבת כ״ג אדר. ה· אלפים פ״חי

5 מערץ 1328 ·

דער פוילישער קעניג קאזימיר דער גרויסער בעשטעטיגט די פריווילעגיעס וואס די אידן האבן פון די פאריגע קעניגן. ט· מרחשון ה, אלפים צ״ה·

9 אקטאבער 1334

טויזענדער אידן ווערן ערמארדעט אין דייטשלאנד· אין דער היסטאריע בעקאנט אונטערן נאמען „גזרות ארמלעדער„. ה, אלפים צ„ו צ„ז

1336-37

רבנו יעקב בעל הטורים בן רבנו אשר· שטארבט לערך 60 יאהר אלט ה, אלפים ק׳

1340

פון אזיען פערשלעפט הערשט די „שווארצע פעסט„ אין איראפא, אין לערך א קירצע צייט קומען אום 25 מיליאן מענטשן דורך די שרעקליכע מגפה· די פערהעי, טניסמעסיג קלענערע צאהל טויטע ביי אידן, צוליעב זייער זאלידן און איינגעהאלטענעם לעבן, רופט ארוים ביי די פעלקער קנאה און שנאה· עס ענטשטעהן קלאנגען און בלבולים, אז די אידן האבן עס די ברינימער פערגיפטעט· כמעט אין אלע קאטוילישע לענדער, אויסער פויקן און קאסטיליען. מאסן הריגות דורך מיתות משונות מיט דער גרעסטן אכזריות ווערן אויף אידן אויסגעפיהרט. די עלטעסטע אידישע קהלות ווערן חרב ה. אלפים ק„ח ק„ט

1348-49

דער ברידער קריג איבער די הערשאפט אין קאסטיליען· צווישן דעם גוטמוטיגן דאן פעדרא און זיין ברודער היינריך. קאסט דאס לעבן פון פיעל טויזענדער אידן, וואס קומען אום דורך הונגער און שווערד· אין טאלעדא אליין זא׳ן איבער 10 טויזענד אידן זיין געשטארבן פון הונגער. קכ„ו-קכ„ט

1366-69

רבנו נסים בן ראובן דער מפרש דעם אלפס שטארבט ק„מ

1380

הריגות אין פראג, פון א גלח אויפגעהעצט בעפאלט דער המון אויף אידן· פיעל טויזענדע ווערן ערמארדעט דורך מיתות משונות.

אחרון של פסח ה· אלפים קמ„ט

פאסחא, 18 אפריל 1389

שרעקליכע הריגות און שמדות אין קאסטיליען, פיעל ערמארדן זייערע פאמי-

ליעם און זיך, אנ׳אייניקל פון רא״ש ר׳ יהודה ערמאָרדעט זיין שוויגער, זיין פרוי און קינדער נאכהער זיך, איבער 200 טויזענד אידן זאָלן האָבן אָנגענומען לפנים דעם קאטוילישן ג׳ויבן. פון דאן שטאמען די אנוסים = מאראנען. פיעל טויזענדע, ווער עם האָט נאָר געקענט, פערלאָזן דאָס לאנד. רבי יצחק בר ששת, הריב״ש, און ר׳ שמעון בר צמח דוראן. רשב״ץ, קומען אין א׳גיר, אפריקא, וואו דער ריב״ש ווערט רב.

ה׳ אלפים קנ״א
1391

דער קיסר קארל 6 גיט ארוים א בעפעהל, אז אלע אידן מוזן פערלאָזן פראנקרייך. שמיני עצרת ה׳ אלפים קנ״ה
17 ספטמבר 1394

ר׳ יצחק בר ששת הריב״ש שטארבט 9ֹ יאָהר אלט.
ר׳ ישראל פון קריעמז, בעל הגהות אשרי על הרא״ש, שטארבט.

ה׳ אלפים קס״ט
1409

שטארבט דער חוקר און פילוסוף ר׳ חסדאי אבן קרשקש 70 יאָהר אלט.

ה׳ אלפים ק״ע
1410

גזרות אויף אידן אין פוילן. אלגעמיינער גרויש פון עסטרייך, נאָכדעם ווי טויזענדער אידן ווערן ערמאָרדעט און פערברענט דורך דעם פירשט אלבערט.

ק״פ=פ״א
1420=21

ר׳ יעקב ב״ר משה הלוי סגל מולין = מהרי״ל = פון מאינץ שטארבט 72 יאָהר אלט ה׳ אלפים. קפ״ז 1427

שטארבט ר׳ יוסף אלבו בעל״ס „העקרים„ 64 יאָהר אלט. ה׳ אלפים ר״ד
1444

ר׳ יצחק ב״ר קלונימוס יהודה למשפחת נתן, פערענדיגט נאָך 10 יאָהריגער ארבייט דעם ס׳קאנקורדאנציה. ר״ח מרחשון ה׳ אלפים ר״ח
11 אָקטאָבר 1447

קאזימיר דער פיערטער קעניג אין פוילן און גרויספירשט אין ל׳טע ווערט געצוואונגען פון די גייסטליכע, מיט דעם צורר קאפיסטראנו בראשם, צוריק צו ציהען די בעשטעטיגונג פון די פריווילעגיעם, וועלכע ער האָט דעם 14 אויגוסט מיט א יאָהר פריהער געהאט בעשטעטיגט. דאָך פאקטיש ווערן זיי געהאלטן.

רי״ד
1454

ארויס פון דרוק, צום ערשטן מאָל, די חמשה חומשי תורה. דורך דעם מדפים גרשון אין ווענעציה ה, אלפים רכ״ו.

1465

עלילות דם און הריגות אויף אידן און אנוסים אין שפאניען. „ רכ״ט-רל״ד

1469—1474

עלילת דם אין טריענט, טיראל, אלע אידן פון שטאָט ווערן פערבּרענט. נאָר 4 האָבּן זיך געשמד אום צו ראטעווען זייער לעבּן. „ רל״ה.

1475.

דער פאָפּסט סיקסטוס 4 גיט ארויס א בּולע איינצופיהרען אין שפאניען די אינקוויזיציה ז. כסלו „ רל״ט.

1 נאָוועמבּער 1478

די ערשטע אינקוויזיציה איינגעפיהרט אין שיבּיליה שוין אין די ערשטע צייט ווערן איבּער טויזענד אידן און אנוסים געשטעלט צו זייער משפט. מיט די שרעקליכסטע עינוים געפּייניגט און פערבּרענט. מאסן וואנדערן אויס נאָך אראבּישע שפאניען. ג, תשרי „ רמ״א.

7. ספּטעמבּר. 1480

ר׳ עובדיה ברטנורה הרע״ב פערלאָזט זיין פאָטער און היים אין איטאליען און פאָהרט נאָך ארץ ישראל ר״ח כסלו רמ״ז.

1486

דער קעניג פערדינאנד און קעניגין איזאבּעלא גיבּן ארויס אַ בּעפעל אז אין משך פון 3 חדשים מוזן אלע אידן פערלאָזן שפאניען. נאָך אַ 2 טעגיגע פערלענגע-רונג פערלאָזן איבּער 300 טויזענד אידן דאָס לאנד די צרות פון די ארויס-געטריבּענע וועהרענד זייערע נסיעות אין די פערשידענע וועגן, נאָך די פער-שיעדענע לענדער, איז אונבּעשרייבּליך. מאסן פון זיי קומען אום אין וועג. די איבּערגעבּליבּענע ווערן צוזייט און צושפּרייט אין אלע וועלטטיילן.

תשעה באב רנ״ב.

2. אויגוסט 1492

דון יצחק אברבנאל, פינאנסמיניסטער אין שפאניען, פערלאָזט פרייוויליג דאָס לאנד און וואנדערט אויס מיט די פערטריבּענע, בּעזעצט זיך מיט א טייל פון זיי אין נעאפּאָל, זיך איטא׳יען מיט דער ערלויבּניש פון קעניג פערדינא:ד 1.

ר״ח אלול רנ״ב.

24 אויגוסט 1492

ר׳ יצחק אבוהב קריגט די ערלויבּניש פון קעניג יאאן 2 פון פּאָרטוגאל פאר אטייל אידן צו קומען נאָך פּארטוגאל. 600 פאמיליען פון די רייכע, ווערט

ערלויבט, פאר פיעל געלד, צו בלייבן אין לאנד, די איבריגע זיך דארט נאר 8 חדשים אויפצוהאלטן, 120 טויזנט אידן וואנדערן איין, ווארטענדיג אויף ישועות, אז דער קעניג וועט זיי אויך ערלויבן בלייבן ווייטער, פערשפעטיגן זיי די צייט. דער קעניג אבער בעהאנדעלט זיי מיט דער גרעסטער אכזריות. דער גרעסטער טייל ווערט פערקויפט צו די איינוואהנער אלס שקלאפן. זייערע קינדער ביז 10 יאהר פערשיקט אויף האלבווילדע אינזלען וואו זיי שטארבן אויס פון פיין הונגער און קראנקהייט. די איבריגע ווערן געשלעפט אויף שיפן, אויפ'ן וועג ווערן זיי פון די שיפסלייט שרעקליך געפייניגט. פיעל שטארבן אויס אין וועג. ה' אלפים רנ"ג,
1493

יאאנס נאכפאלגער דון מינואל, איז אנפאנגס גוט צו אידן, בעפרייט די שקלאפן, ר' אברהם זכות, בעל ס' היוחסין, א מקורב אין הויף. דער קעניג ווערט אחתן ביים שפאנישן, קעניג, פאר אידן פאנגן זיך אן גזרות און רדיפות. קינדער ביז 14 יאהר ווערן ארויסגעריסן פון די עלטערן און גע'שמד, אויך ערוואקסענע שמדט מען מיט געוואלד. די שרעקליכסטע סצענעס שפיעלן זיך אב. פיעלע טויטן זייערע קינדער אום זיי זאלן שטארבן אלס אידן, נאר ווייניגע גליקט צו ענטלויפן, צווישן די גליקליכע ר' לוי בן חביב, אזוהן פון בעל „עין יעקב" און ר' אברהם זכות. די איבערגעבליבענע ווערן ארויסגעטריבן פון לאנד דורך אבעפעהל פון כ"ט כסלו " רנ"ז
4 דצמבער 1496

דער משומד יוסף פעפערקארן מסר'ת ביים דייטשן קיסר מאקסמיליאן אז די אידישע ספרים לערנען געגן די קריסטליכע אמונה, ענטהאלט אויך שלעכטע זיטענלערע. דער קריסטליכער געלעהרטער יאהאן רייכלין פערטיידיגט און ווייזט אויף יענעמ'ס עמי-הארצות און אונוויסענהייט. " רס"ז
1570

דון יצחק אברבנאל שטארבט אין איטאליען 71 יאהר אלט. " רס"ח
1508

דער פאפסט לעא 10 הייסט דרוקן דעם תלמוד, דער קריסט דניאל באמבערג דרוקט עס, צום ערשטן מאל אין 12 כרכים. " ר"פ
1520

דוד הראובני קומט פון אלכסנדריה נאך איטאליען, און זאגט אז ער איז א משולח פון די עשרת השבטים. וועלכע פיהרן א גרויסע מליכה אין טיעף אראביען פיהרט פאליטישע אונטערהאנדלונגען מיט קעניגן און מיטן פאפסט דער יונגער אנוס שלמה מולכו שליסט זיך איהם אן " רפ"ד 1524

ענדליך ווערט דוד הראובני אריינגעזעצט אין תפיסה וואו ער שטארבט אונטער גרויסע עינוים. שלמה מולכו ווערט פערברענט דורכ'ן קיסר קארל 5 „ רצ״ג

1533

קארל 5 צווינגט דעם פּאַפּסט פּוילוס 3 צו בעשטעטיגן די פּאפּסטליכע בולע פון 1531, און לאָזן די אינקוויזיציה איינפיהרן אויך אין פּאָרטוגאל. „ רצ״ו

1536

די ענטלאָפענע פון פּאָרטיגאל: ר' יעקב בירב רב אין צפת, און ר' לוי בן חביב רב אין ירושלים שטרייטן צווישן זיך, אויב מען מעג איינפיהרען צוריק אין ארץ ישראל סנהדרין און סמיכה. דער ערשטער האלט אז מען מעג און דער צווייטער איז געגן. עס ווערט א מחלוקת. בירב גיט סמיכה זיינע תלמידים ר' יוסף קארו, בעל השלחן ערוך, און ר' משה מטרני, המבי„ט. ר' יעקב שטארבט ר״ח אייר ה' אלפים ש״ו

1546

דער מדקדק ר' אליהו בחור שטארבט אין וויניציה 81 יאָהר אלט. כ״ט שבט ש״ט

1549

די אינקוויזיציה מיט די גלחים איגנאץ לאיאלא און פּעט־ קאראפא בראש. די גרינדער פון יעזואיטן־אָרדן, צווינגען דעם פאפסט יוליוס 3, צו הייסן פער־ ברענען די אידישע ספרים. ש״ס'ן מדרשים און אנדערע ספרים ווערן צוזאמען גענומען פון אלע אידישע הייזער אין רוים, און פערברענט. ראש השנה שי״ד

1553

דער צורר קאראפא ווערט פּאַפּסט פּוילוס 4 גזרות אויף אידן און אנוסים ספרים ווערן פערברענט. א אידישע גהעטא אין רוים. שי״ט

1559

די פרוי חנה מינדים ה, אלס אנוסה דונה גראציה, מיט איהר גרויס אָנזעהן און רייכקייט, טוט גרויסע טובות אידן און אנוסים. פיעל טויזענדע ווערן דורך איהר געראטעט פון דער אינקוויזיציע. מאכט ישיבות, די טורים ווערן איבער־ זעצט אין שפּאניש פאר די אנוסים.ווירקט אין פיכארא, וויניציה ענד/יך אין טערקיי (ראה מבי״ט ח„א רל״ז: נחלת יהושע ל״ט מ.: מהרי' בן לב קמ״א) שטארבט ה, אלפים שכ״ט

1569

שטארבן אין צפת ר' דוד בן זמרא 110 יאָהר אלט. דער גרויסער מקובל ר' יצחק לוריא־האריז״ל־38 יאָהר אלט. אין קראָקא שטארבט ר' משה איסרלים הרמ״א 52 יאָהר אלט של״ב 1572

שטאַרבט ר׳ שלמה לוריא מהרש״ל 64 יאָהר אַלט, י״ב כסלו. ה. אלפים של״ד
1573

שטאַרבט אין צפת הגאון ר׳ יוסף קארו ב״ר אפרים, מחבר פון בית יוסף
און שלחן ערוך. 87 יאָהר אַ׳ט. י״ג ניסן של״ה
1575

דון יוסף נשיא, אנ׳איידאם פון די נדיבה חנה מינדיסיא, זייער אַנגעזעהן ביים
מעכטיגן שולטן סלים 2. שפיעלט אַ וויכטיגע ראָלע אין פּאָליטישן לעבן אין
טערקיי. ווערט אַ פירשט איבער 12 אינזלען אין מיטללענדישן ים. קריסטליכע
מלכים און קסרים ווענדן זיך צום שולטאַן דורך דון יוסף. טוט גרויסע טובות
אידן און אַנוסים. שטאַרבט 64 יאָהר אַלט. י. אב. של״ט
1579 2 אויגוסט

עס גרינדעט זיך אין פוילן דער ועד ארבע הארצות שמ״ו
1586

יעקב טיראַדאָ, מגולי פּורטוגאַל, גרינדעט די אידישע קהלה אין אמשטרדם
ש״ם
1600

ר׳ ליווא בר׳ בצלאל, מהר״ל מפּראג, שטאַרבט 84 יאָהר אַלט יום ה׳ ח״י
אלול. שס״ט
1609

ר׳ מרדכי יפה, בעל הלבושים, שטאַרבט 82 יאָהר אַלט. ג׳ אדר שני שע״ב
1612

ר׳ יעקב בר׳ יצחק, מחבר פון „צאינה וראינה״ שטאַרבט. שפ״ה
1625

די רבנים אין אמשטרדם זייען מחרים אוריאל אקאסטא. ער דערשיסט זיך
50 יאָהר אַלט. ת׳
1640

די קאָזאקן אונטערן אָנפיהרונג פון באָגדאַן חמעלניצקי, ערהויבן זיך געגן
פוילן. פיעל טויזענדער אידן, צווישן זיי גאוני וגדולי ישראל, ווערן ערמאָרדעט.
פיע׳ קהלות ווערן חרוב. ת״ח ת״ט
1648-49

ר׳ יום טוב ליפּמאַן העליר, בעל תוספות יום טוב, שטאַרבט 75 יאָהר אַלט.
1654 כ״ו. אלול תי״ד

ר׳ מנשה בן ישראל רב אין אמשטרדם, פאָהרט נאָך ענגלאַנד משתדל זיין
ערלויבן אידן צוריק צו בעזעצן זיך אין ענגלאַנד, שטאַרבט אין צוריקפאָהרן.

רוסן און קאזאקן, אין זייער קריעג געגן פוילן, בעפאלן ווילנא. אין איין טאג, מיטוואך כ״ג תמוז, ווערן פון זיי 25 טויזענד מענטשן אויסגע־הרגת. צווישן די פריהער ענטלאפענע ר׳ שבתי כהן, בעל הש״ך. ר׳ משה רבקש, בעל באר הגולה, און נאך גאונים. די שטאט ווילנא ברענט 17 טעג און ווערט חרוב.
ה. אלפים תט״ו

1655

ר׳ שבתי כהן פערפאסט דעם „שפתי כהן,, אויף יורה דעה 24 יאהר אלט, שטארבט אין העלישוי, אונגארן, 41 יאהר אלט. ר״ח אדר ראשון תכ״ג.

1663

דער פאלשער משיח, שבתי צבי, נאך זיין איבערגעהן צום מחמדנישן גלויבן שטארבט 52 יאהר אלט.

דער פהילאזאף ברוך שפינאזא שטארבט 45 יאהר אלט תל״ז

1677

אין דער מגפה אין צפת שטארבט ר׳ משה חיים לוצאטי. פון איטאליען, 40 יאהר אלט. תק״ז

1747

געשטארבן ר׳ ישראל בעל שם טוב, דער גרינדער פון די חסידות 63 יאהר אלט ז׳ סיון תק״כ.

1760

די מחלוקת צווישן ר׳ יהונתן אייבשיץ, רב אין פראג און האמבורג, און ר׳ יעקב עמדן. יעב״ץ, דאס רוב גאונים, צווישן זיי דער ווילנער גאון אין זיין בריעף פון יאהר תקט״ו, זייען מכריע לטובת ר׳ יהונתן.

ר׳ יהונתן, דער מחבר פון פיעל וויכטיגע ספרים, שטארבט 74 יאהר אלט, כ״א אלול תקכ״ד

1764

זיין געגנער ר׳ יעקב עמדן-יעב״ץ-בן החכם צבי שטארבט 78 יאהר אלט תקל״ו

1776

דער קיסר יוסף פון עסטרייך גיט ארויס זיין טאלעראנץ עדיקט לטובת היהודים תקמ״ב

1782

די לערע פון חסידות ווערט פערשפרייט צווישן אידן דורך די תלמידים פון בעל שם טוב. די התנגדות פון פיעל גאונים דאצו, אין ווילנא ווערט אויסגעריפן א חרם געגן די חסידות, אין יאהר תקל״ז. א צווייטן מאל-אין

תקמ״א מיטן הסכם פון גאון וועלכער שטעלט זיך צווישן די ערשטע מתנגדים
תקמ״ד 1784

די תקופת ההשכלה אין בערלין. די צייטשריפט „המאסף״ דער פהיליזאָף ר׳ משה מענדלזאָהן שטאַרבט אין ברלין 57 יאָהר אַלט. (זעה דעם וויכטיגן מאַמר „מגדל המאה״ פון ר״ז יעבץ אין כנסת ישראל תרמ״ז.)
י״ב טבת תקמ״ו
1786

ר׳ יצחק בער איז זיך משתדל לטובת היהודים, און ווירקט אויך אויס אַז די נאַציאָנאַלע פערזאַמלונג אין פאַריז גיט אידן גלייכבערעכטיגונג. וועלכע האָט אַ ווירקונג, אַז אויך אַנדערע לענדער גיבן אידן דאָס זעלבע.
תקנ״ב
1792

הגאון רבנו אליהו בהרב ר׳ שלמה זלמן, דער ווילנער גאון, שטאַרבט 78 יאָהר אַלט געבאָרן דעם ערשטן טאָג פסח ת״פ - אום מאָנטאָג י״ט תשרי
תקנ״ח
1798

זיין תלמיד הגאון ר׳ חיים, גרינדעט אַ ישיבה אין וואלאזשין
תקס״ג
1803

ר׳ נפתלי הירץ וויזל שטאַרבט 80 יאָהר אַלט
תקס״ה
1805

נאַפּאָלעאָן 1 בעשטימט אצוזאַמענפאָהר פון רבנים אין פאַריז, אונטערן פאָרזיץ פון הרב ר׳ דוד זינצהיים. און לעגט זיי פאָר פערשיעדענע שאלות
תקס״ז
1807

דער ערשטער רעפאָרם טעמפעל אין האמבורג
תקע״ח
1818

דער ערשטער פּאָגראָם אין אדעסאָ, רוסלאַנד.
תקפ״א
19 יוני 1821

דער קיסר ניקאָלאַי 1 גיט ארויס אגזרה צו נעמען קליינע אידישע קינדער פאַר סאָלדאַטן, קאַנטאָניסטן, זיי לאָזן ערציהען ביי רוסישע פויערים אין טיעפן רוסלאַנד, אלס פּראַוואָסלאַווען צום רוסישן גלויבן און טרייע סאָלדאַטן, פיעל שטאַרבן אויס אין וויטן וועג. פיעל ווערן דורך שרעקליכע עינוים געוואַלדזאַם געשמד. פיעל אָבער בלייבן טריי, זייער גלויבן און פאָלק.
תקפ״ז
26 אויגוסט 1827

די ערשטע אידישע קאַנטאָניסטן אין רוסלאַנד
תקצ״ה
1835.

קורא הדורות.

דער בלוט בלבול אין דמשק, אידן ווערן איינגעזעצט אין תפיסה און שרעקליך געפייניגט. אדאלף כרמיה פון פאריז און ר' משה מאנטעפיארי פון לאנדאן פאהרן צום שולטן אין דמשק, און ווירקן אוים זייער בעפרייאונג. ת"ר 1840

די ערשטע רבנים אספה אין פעטערבורג אונטער'ן פארזיץ פון הגאון ר' יצחק וואלאזשינער תר"ג 1843

אין פיעל אייראפעאישע לענדער רעוואלוציעס, וואו די אידן בעקומען נאכדעם גלייכבערעכטיגונג. ראבינער שוהלן אין ווילנא און זיטאמיר תר"ח 1848

אדאלף כרמיה גרינדעט אין פאריז די חברה „כל ישראל חברים" בעקאנט אונטער'ן נאמען „אליאנס". געשטארבן ר' יצחק בער לעווינזאהן, ריב"ל, 72 יאהר אלט. תר"כ 1860

געשטארבן הגאון החוקר ר' שלמה יהודה ראפפאפארט, שי"ר, רב אין פראג, 78 יאהר אלט תרכ"ח. 1868

גזירות קשות און פאגראמען אויף אידן אין רוסלאנד תרמ"א - מ"ב 1881 - 82

באראן הירש פון פאריז גרינדעט די געזעלשאפט „יק"א", בעזעצט אידן אין ארגענטינא, זיד אמעריקא, אויף ערד ארבעט. תרנ"ב 1982

א פאגראם אין קישינעוו. פיעל אידישע הרוגים תרס"ג 1903

אויסגעבראכן די וועלט מלחמה תשעה באב תרע"ד 1914 ·1 אויגוסט·

די אידן פון פיעל גובערנעס, נאהענטע צום קריעגספראנט, ווערן ארויסגעטריבען פון זייערע ערטער, בערום ובחוסר כל נאך טיעף רוס/אנד. פיעל שטארבן אין דעם וועג. סיון תרע"ה 1915

ציוניסטישע חראניק.

דער נדיב ר׳ מרדכי עמנואל נח לאָזט אַרויס אַ אויפרוף צו אַלע אידן וועגן גרינדן אַ אידעשע זעלבסטשטענדיגע מלוכה אין אַמעריקע.

1825

משה מאַנטיפיאָרי מיט זיין פרוי יהודית פאָהרן צום ערשטן מאָל קיין ארץ ישראל.

1828

די גאונים ר׳ אליהו גוטנמאַכער פון גריידיץ און ר׳ הירש קאַלישער אַגי־טיערן דורך מאמרים און ספרים דעם רעיון פון ישוב ארץ ישראל.

1836

ר׳ הירש קאַלישער׳ס ספרים „אמונה ישרה„ און „דרישת ציון„.

1843

געבאָרן בנימין זאב בר׳ יעקב, דר׳ טהעאָדאָר הערצל. אין בודאַפעשט.

י׳ אייר תר„כ

1860 2 מאַי

רוים און ירושלים„ פון משה העס ערשיינט, תרכ„ב

1862

די גרינדונג פון דער ערשטער ערד אַרבייטער פערמע „מקוה ישראל„ ביי יפו. תר„ל

1870

שטאַרבט הגאון ר׳ הירש קאַלישער 79 יאָהר אַלט, ה׳ מרחשון תרל„ה

געבאָרן אין ליסא. איניסן תקנ„ה.

1874 16 אָקטאָבר.

געגרינדעט די קאָלאָניע „פתח תקוה„. תר.„ח

1877

די ערשטע „חבת ציון„ בעוועגונג. אין חאַרקאָוו גרינדן די שטודענדטן די ערשטע אגודה אונטערן נאָמען „בילו„ בית יעקב לכו ונלכה, עס ערשיינט דאָס קלאַסישע ווערק פון דר׳ לעאָן פינסקער „אויטאָעמאַנציפאַציאָן„ אין רייטש. גרינדונג פון די קאָלאָניעס „ראשון לציון„ „זכרון יעקב„ „ראש פינה„ און

„ודי חנין„, אין מקוה ישראל„ שטאַרבט איהר גרינדער קאַרל נעטער 42
יאָהר אַלט. תרמ„ב
1882

די גרינדונג פון די קאָלאָניעס „גדרה„ „עקרון„ און „יסוד המעלה„.
תרמ„ג תרמ„ה
1883 1885

דער ערשטער צוזאַמענפאָהר פון די „חובבי ציון„ אין קאַטאָוויץ. דאָרט ווערט
געגרינדעט א געזעלשאַפט „מזכרת משה„. תרמ„ד
1884 נאָוועמבער 11 6

געשטאָרבן אין מעראַן פרץ סמאָלענסקין רעדאַקטאָר פון „השחר„ 41 יאָהר
אַלט. געבאָרן שושן פורים תר„ד. תרמ„ה
1885

געשטאָרבן דוד גאָרדאָן רעדאַקטאָר פון המגיד 16 טעג אין אייר 54 יאָהר
אַלט. געבאָרן תקצ„ב. תרמ„ו
1886

צוזאַמענפאָהר פון די „חובבי ציון„ אין דרוסגעניק. תרמ„ו
1887 יוני

גרינדונג פון די קאָלאָניעס „משמר הירדן „רחובות און „קוסטיניה„
תרמ„ח = תרנ„א
1888 = 1891

געשטאָרבן ד„ר לעאָן פינסקער 70 יאָהר אַלט. כ׳ כסלו תרנ„ב
1891 דעצמבר. 21

דר׳ הרצלס ווערק „דער יודענשטאַט„ ערשיינט תרנ„ו
1896

דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל, וואו עס ווערט אָנגענומען
דער „באַזעלער פראָגראַם„. א׳ = ג׳ אלול תרנ„ז
1897 אויגוסט 29 31

געשטאָרבן דער פראָפעסאָר הערמאַן שאַפּיראָ איניציאַטאָר פון נאַציאָנאַל=פאָנד,
קרן קימת לישראל. י„א אייר תרנ„ח
1898 מאי 3

אין זעלבן יאָהר שטאַרבט הגאון ר׳ שמואל מאהילעווער אין ביאַליסטאָק י„ט סיון תרנ„ח
1898 יוני 9

צווייטער קאָנגרעס אין באַזעל י׳=י„ג אלול תרנ„ח
1898 אויגוסט 31=28

אין לאָנדאָן ווערט פערעגיסטרירט די אידישע קאָלאָניאל=באַנק. כ"ה אדר תרנ"ט
7 מערץ 1899

דריטער קאָנגרעס אין באזעל. ט=י"ב אלול תרנ"ט
18=15 אויגוסט 1899

דער באַראָן עדמונד ראָטהשילד· הנהיב הידוע· גיט איבער אלע קאָלאָניעס וואָס ער האָט געגרינדעט אין ארץ ישראל אין משך פון 17 יאָהר אן די געזעלשאפט „יק"א". תר"ס
1900

פיערטער קאָנגרעס אין לאָנדאָן. י"ח=כ"א אב תר"ס
16=13 אויגוסט 1900

פינפטער קאנגרעס אין באזעל· עס ווערט געגרינדעט דער אידישער נאציאנאל=פאָנד, קרן קימת לישראל. ט"ז=כ, טבת תרס"ב
30=26 דצעמבר. 1901

72 אָרטהאָדאָקסישע ציוניסטן, דארונטער 24 רבנים פאָהרען צוזאמען אין ווילנא, עס ווערט געגרינדעט דער „מזרחי". תרס"ב
מערץ 1902

זעקסטער קאָנגרעס אין באזעל. עס ווערט באשלאָסן צו שיקן א עקספעדיציע אויסצופאָרשן דאָס לאנד אוגאנדא אין אפריקא וועלכע די ענגלישע רעגירונג האָט די ציוניסטן פאָרגעשלאָגן. די „ציוני ציון" פראָטעסטירן געגן דעם שארף. ל· אב=ה· אלול תרס"ג.
28=23 אויגוסט 1903

געשטאָרבן אין מאָסקווא דער נדיב און חובב ציון ר. קלמן זאב וויסאָצקי, 80 יאָהר אלט. י"א סיון תרס"ד
25 מאי 1904

געשטארבן אין בעדלאך ביי ווין דער גרינדער פון פאָליטישן ציוניזם, און דער גרויסער אָרגאניזאטאָר בנימין בר׳ יעקב, ד"ר טהעאָדאָר הערצל 44 יאָהר אלט· כ. תמוז תרס"ד
3 יולי 1904

דער צוזאמענפאָהר פון די „מזרחים" אין פרעסבורג, אונטערן פאָרזיץ פון הרב רײנעס, רב אין לידא. ח=י· אלול תרס"ד
21=19 אויגוסט 1904

געגרינדעט אין ירושלים די קונסט האנדווערקער שולע בצלאל אונטער דער ליטונג פון פראָפעסאָר מ. שאַץ. תרס"ה·
1905

זיבענטער קאָנגרעס אין באזעל דער אוגאנדא פראָיעקט ווערט ליקווידירט. ישראל זאַנגוויל פון לאָנדאָן טיילט זיך אָב פון די ציוניסטן און גרינדעט אַ פּארטיי „טעריטאָריאַליסטן“ „יט„א“ וועלכע שטרעבט צו געפינען אירגענד וואו א טעריטאָריע וועלכע איז פעהיג אויפצונעהמען אידן אלס לאנד ארבעטער
כ„ד תמוז א׳ אב תרס„ה
27 יולי – 2 אויגוסט 1905

לויט דער איניציאטיווא פון ד„ר ל. מעטמאן גרינדעט זיך אין יפו די ערשטע מיטל שולע. יפו׳ער. גימנאזיום תרס„ו
אָקטאבר 1906

דער צוזאַמענפאָהר פון די רוסישע ציוניסטן אין העלזינגפאָרס פינלאנד. עס ווערט אויסגעארבייט א ברייטער פראָגראם פאר די ציוניסטישע ארבייט אין ארץ ישראל, אויך אין גלות. כסלו תרס„ז
4–9 דצמבר 1906

אכטער קאנגרעס אין האאג. ד׳–יא אלול תרס„ז
14–21 אויגוסט 1907

געגרינדעט אין קעלן דעם העברעאישן ציוניסטישן ארגאן „העולם“. „
נאָכדעם אריבערגעפיהרט נאָך ווילנא, אדעסאַ, יעצט אין לאָנדאָן. „

רעגיסטריערט אין לאָנדאָן דעם נאציאָנאלן פאָנד ז. ניסן „
8 אפריל „

עס פאננט זיך אָן בויען אין יפו א נייער אידישער שטאָטטייל תל אביב תרס„ט
1909

געשטאָרבן אין אַמעריקא, דער משורר נפתלי הערץ אימבער, פערפאסער פון דעם ציוניסטישן הימן „התקוה“. כ„ד תשרי „
9. אָקטאבער „

דער נייִנטער קאָנגרעס אין האמבורג י„ד–י„ט טבת תר״ע.
26–31 דצמבער 1909

געשטאָרבן ר׳ משה ליב ליליענבלום 67 יאָהר אלט. „
1910

צענטער קאָנגרעס אין באזעל ט„ו–כ„א אב תרע„א
9–15 אויגוסט 1911

עלפטער קאָנגרעס אין וויען ל׳ אב–ז׳ אלול תרע„ג
2–9 ספטמבר 1913

קורא הדורות

די בעריהמטע „באלפור = דעקלאראציע" ארויסגעגעבן.	י"ז מרחשון תרע"ח 2 נאוועמבער 1917
די בעשטעטיגונג פון דער דעקלאראציע אין סאן=רעמא.	ז' אייר. תר"פ 24 אפריל 1920
צוועלפטער קאנגרעס אין קארלסבאד.	כ"ח אב=י"א אלול תרפ"א 1=14 סעפטעמבער 1921
בעשטעטיגונג פון בריטישן מאנדאט איבער ארץ ישראל.	כ"ח תמוז תרפ"ב 24 יולי 1922
געשטארבן מאקס נארדוי	ה' שבט תרפ"ג 22 יאנואר 1923
דרייצעהנטער קאנגרעס אין קארלסבאד	כ"ד אב=ו' אלול תרפ"ג 6=18 אויגוסט 1923
פערצענטער קאנגרעס אין וויען	18=31 אויגוסט 1925
נארדוי'ס ביינער אריבערגעפיהרט קיין תל=אביב	כ' אייר תרפ"ו 4. מאי 1926

*   *
*

אין פרק „קורא הדורות“ האָבן מיר געבראכט אין קורצן די גזרות הקאזאקן אונטער חמעלניצקי ימ״ש און זייערע שרעקליכע הריגות וואָס זיי האָבן געמאכט ביי אידן אין אוקריינא, וואלין, פּאָדאליען און ליטא, אין די יאָהרן ת״ח ת״ט. מיר געפינען פאר ריכטיג צו ברענגען די הקדמה פון רבנו הגאון ר׳ שבתי כהן בעל הש״ך, זצ״ל, וואָס ער האָט געשריעבן צו זיינע קינות און סליחות, וועלכע ער האָט פערפאַסט צוליעב יענע גזרות און הריגות. ערשטענס, איז דאָס א היסטאָרישער דאָקומענט פון אזא גלויבווירדיגן עדות, וואָס האָט געלעבט אין יענע תקופה און אַליין מיטגעמאכט, געזען און געהערט. אליין ענטלאָפן פון ווילנא בעת די קאזאקן האָבן זיך ארייינגעריסן אין שטאָט. און ווען דער גאון בעל הש״ך זצ״ל האָט עס געשריעבן לזכרון עולם, איז געוויס יעדע שילדערונג א היסטאָרישער פאקט, וואָס אונטערליעגט קיין צווייפל אין זיין ריכטיגקייט. אזא דאָקומענט וואָס איז יעצט ניט אזוי בנמצא. מיר האָבן עס גענומען פון אסליחה וועלכע איז געדרוקט אין אַמשטרדם אין יאָה״ר ת״א, אלזא נאָר 2 יאָהר נאָך די שרעקליכע גזרות ביים לעבן פון מ״בר בעל הש״ך זצ״ל אויך די אנדערע ספרים אין וועלכע די תקופה איז גענויער בעשריעבן, ווי דער ספר „לקורות הגזרות“ איז אויך ניטאָ ביי יעדן. דארום מיינען מיר דארף אזא דאקומענט מיט א היסטאָרישן ווערט ניט פערלאָרן געהן. און זייען עס דאָ מפרסם נאָך א מאָל. צווייטענס ווילן מיר דאמיט בעווייזן ווי פעסט אונזערע עלטערן, וועלכע האָבן געלעבט מיט ניט פיער יאָהרן צוריק, זייען געווען אין זייער אמונה. און כמעט אלע, מענער, פרויען און קינדער האָבן זיך מוסר נפש געווען על קדוש השם. זכותם תעמוד לנו עד סוף כל הדורות. מיר שטעלן ווי דאָרטן איז געדרוקט. אָהנע ענדערונג.

מגילת עיפה.

הלא ידעתם אם לא שמעתם כל עם ד׳ השרידים, אשר ד׳ קורא עליהם ואל דברו חרדים, הנפוצים בארבע כנפות הארץ מפוזרים ומפורדים, כל המקום אשר דבר ד׳ צבאות ודתו מגיע אבל גדול ליהודים, צום ובכי ומספד מר יצע לרבים גדולים ונכבדים, לבשו שקים והעלו עפר על ראשם קצינים ורוזנים ונגידים. על בית ישראל ועל עם ד׳ כי נפלו בחרב בגזרות ושמדים. בידי ערלים טמאים רשעים ארורים וזדים. הרגו לאלפים ולרבבות ישרים ותמימים חסידות וחסידים. בני ישראל היקרים ומסולאים בפז הנחמדים, וגאונים ורבנים בעלי תריסין המלמדים עם התלמידים: הלא המה עם בזוי נבזים ושפלים פוחזים ורקים, הם היונים המכונים בשם קאזאקי״ם, איכרים וכורמים התאספו קרובים ורחוקים, וירימו יד במלך ושריו וסגניו עם גדול ורם כענקים, הוא המלך ולדיסלאב מלך כשר ראוי למנותו בין צדיקים, כי מעולם הטיב חסדו עם היהודים ואת בריתו אתם הקים.

בשנת חמשת אלפים וארבע מאות ושמונה לבריאות תבל ושחקים. בחדש הראשון הוא חדש ניסן גדלה דמעת העשוקים, כי התחילו אז הרקים לקצץ ולזנב הנחשלים משושנת העמקים, ויהרגו חסידי עליונים קדושים וצדיקים וחשוקים, כמה מאות נפשות קדושות אביונים הנאנחים ונאנקים, ויצאו לנגדם שרים רבים ועם רב מעם הפלאקי״ם: ללחום עם הרקים לשלם להם כפרי מעלליהם, ויהי כאשר הקריבו הפלאקי״ן לבא אל מחניהם, אל ארץ הטמאים הנקרא אוקריינא וסביבותיהם, אז באו הרקים בערמה ותחבולה עליהם, כי גם אותם הרקים הנרשמים בכתב אמת בספריהם, אשר הוא מעולם חק ולא יעבור למלכות פולי״ן כתוב בדתיהם, שנים עשר אלף חלוצי צבא קאזאקי״ן יאזרו חלציהם, לשרת את המלך ולעזרו ככל אשר יגזור עליהם, ועתה הפרו חק וברית וכרתו ברית עם שאר הרקים אחיהם, וגם שחו והתאספו עם רב מהקדרים אליהם, וסבבו את שר צבא המלך עם כל השרים משרתיהם ועבדיהם, והרגו מהם הרג רב ואבדן ויבוזו את כל כספיהם. גם שרי הצבא עם שאר שרים הרגו על חלליהם. וזה היה סמוך לחג השבועות שלשה ימים לפני אידיהם, ביום הרביעי הוא יום מוכן לפורענותיהם: ובאותו יום נאסף המלך אל עמו ויצאה נשמתו. במדינת ליטא רחוק מארץ אקריי״נא מדינתו ויגוע ויאסף סמוך לעיר

הגדולה ווילנא היא הבירה במלכותו, ולא ידע המלך דבר מהמלחמה בעת פטירתו, גם הרקים לא ידעו אז ממיתתו. ואנחנו עם ד׳ עבדיו וצאן מרעיתו, הנפוצים במדינת ליטא היינו בוכים ומתאבלים על המלך כבוד מנוחתו, ועדיין לא ידענו מהגזרה רעה אשר גזר ד׳ על נחלתנו וכל בית ישראל אשר בארץ אקריינ״א עזבו כל איש את ביתו, השליכו משכנותיהם וארצם ולא נשאר לאיש כי אם גויתו, ומעוט רכושם אשר הניסו כל אחד למחייתו. ואת יום מקרא קדש חג השבועות חללו דתו. כי לברוח ולעמיד על נפשם כאיש גבורתו, שבת חגנו ומועדנו אשר כל עדת ישראל יעשו אותו: ורבים נסו לק״ק נעמר״ב העי׳ הגדולה וההשובה היתה ראש לקהלות, ולא ידעו עדיין מפטירת המלך כל אותן הגלילות, וגלל כן היו מקוים עוד ליושב תהלות, ישלח עזרתו ע״י המלך בעם רב ובמקהלות, ויהי אחרי כן כשמעם ויתעצבו מאד ויבכו בתחנונים יתפלות, ודמעתם על לחיים תמיד ויקוננו קינות ויללות, כי ראו כי כלתה אליהם הרעה מנורא עלילות, והרקים כאשר שמעו מפטירתו שמחו שמחות גדולות, אז נפלה רעדה ופחד על כל עם הפראקי״ן ולבשם חלחלות, שבת אורח ונשמו דרכים ומסלות, ובאו לק״ק נעמרו״ב כחמשים רקים בתחבולות והשמיעו שם קול חצוצרות ושופר וכל העם רואים את הקולות, כאלו עם הפראקי״ן יבואו בסוסים ורכבים במצהלות, למען יפתחו שערי המבצר לבלתי יהיו נעולות, והצליחו מעשה שטן וכן עשו מזמותיהם מעשה נבלות: והרגו בעיר כמו ששת אלפים נפשות קדושים, גאונים ורבנים חכמים ונבונים זקנים וישישים, בחורים בתולות חתנים וכלות טף ונשים, ובפרט הגאון מורנו הרב רבי יחיאל מיכל חכם חרשים, *) וכמה מאות טבעו במים ובכל מיני יסורים קשים, ובבית הכנסת לפני ארון קודש הקדשים, שחטו בחלפות המשוררים והחזנים והשמשים, שם העלו בני ישראל עולות וקרבנות ואישים, עקדו עצמם כאילים וכבשים ותיישים, לריח ניחוח יעלו לשוכן תרשישים, ואחר כך החריבו

---

*) פרטים ע״ד הריגתו של הגאון מוהר״ר יחיאל מיכל זצ״ל, מובא בספר „יון מצולה״ וז״ל: והיה שם ראש הישיבה הגאון מו״ה יחיאל מיכל בן הגאון מו״ה אליעזר ז״ל, שהיה יודע כל התורה כולה בעל פה, ובקי בהרבה חכמות, ודרש להם בשבת שלפני הגזירה והזהיר את העם, שאם יבא השונא חלילה שיקדשו שם שמים ולא ימירו דתם, וכן עשה העם הקדוש וכיו וברח הגאון ואף היא קפץ לתוך המים, וכיו, ותפסו נכרי אחד, ופטר את עצמו ממנו בכל רכושו. והלך הגאון עם אמו לבית החיים, כדי שאם יהרגום יהיו על בית החיים ויבואו לקבורה, ויהי כאשר הגיעו סמוך לביה״ח, רץ אחריו נכרי תופר נעלים, ויכהו ויפצעהו במקלו. ובקשה ממנו אמו של הגאון שיהרוג אותה תחת בנה, ולא שמע אליה ויהרוג תחלה את הגאון ואח״כ את אמו, ד׳ ינקום דמם. (המעתיק).

הבית מקדש מעט שם שאגו צוררים ורוגשים, והוציאו כל הספרי תורה ישנים וגם חדשים, וקרעום לגזרים ונתנום למרמס רגלי אדם ובהמה סוסים ופרשים, וגם עשו מהם סנדלים ומנעלים שקורין פאפ״טלים וכמה מיני לבושים, והפכו הכתב לארץ ועל היריעות היו ברגליהם דשים, והיה זה ביום הרביעי עשרים יום לחודש סיון ירח השלישי בכל מיני שלישים יום שנתלו בו המארת חסר כתיב יום מארה וקללה לילדים החלשים. שגם גזרות תחק״א היתה ביום ההוא עשרים לחדש ההוא בו חיינו נכלמים ובושים, הנה הקהלה קדושה נעמר״ב היתה ראש לגזירות הרקים האוילים וטפשים, ומשם נפוצו על פני כל הארץ והיה להרב״ה ראשים. הראש האחד יפנה אל קהלת קדש טילמשי״ם; ויסבבו שם את המבצר שמינה ימים, ויצורו עליה עד כי כל אשר בתוכה היו מיכפנים וצמים, והיו שם רבים מבני ישראל ופריצים רבים משאר עמים, ותמיד יום ולילה לא ישבתו והיו כנגד הרקים נלחמים, ואחר כך דברו הרקים אל השרים הפריצים למה תרגשו גוים ולאומים, בשביל היהודים האומללים אשר הם שינאינו מימים קדומים, ודברו אליהם דברים רכים ודברי נרגן כמתלהמים, הלא אין חפץ לנו בכם פריצים רבים וכן ש׳ומים, רק תנו לנו היהודים הכיפרים באמונתנו ונשתה עליהם כוס של תנחומים. ונעשה בם כרצונינו וננגחם כמו בקרני ראמים, וימלאו הפריצים את דברי הרקים ומסרו בידם מבני יהודה מן הפרתמים, ויהרגו שם כשלשת אלפים נפשות ישרים ותמימים, ומהם הכו ומהם פצעו גויתם נתנו למכים ולהלומים, בכ׳ מיני כלי זין במחרישות ואתים וקרדומים, והיה זה ביום הששי ויכלו השמים והארץ וכל צבאם מושלמים, ארבע ימים לחודש תמוז אשר בו נשתברו הלוחות ונגנזו האורים והתומים, ועין בעין היה נרא׳ גזר דין הקשה המתוח עלינו ממרומים, כי באותו יום הששי נגזרנו שני פעמים, כי גם אז הרגו כמו חמשה עשר מאות נפשות הנאהבים והנעימים, בקריה הומיה *) במדינת רוסיה שהיא רחוקה מטולמשים כמו שבעים פרסאות שהם ר״ס תחומים, בפרשה וינשכו את העם וימת עם רב מישראל רבים ועצומים, ונודע ידיעה ברורה באמת ובתמים, כי אותן היהודים שהיו בקריה הומי״ה סגורים וחתומים, קדשו את שם המיוחד יותר משאר היהודים הצדיקים והחכמים, באשר כי גם שם באו ררקים הטמאים ככלבים אלמים, בברית עם שאר הפריצים וימסרו בידם את היהודים ככבשי שלמים, וגרשום מחוץ לעיר על פני שדות וכרמים, ואז הקיפום הרקים כחצי גורן עגולה והפשיטום ערומים, והושיבום לארץ ויהיו היהודים בושים וגם נכלמים, כשה לטבח ׳פני גוזזיה נאלמים, ואז דברו הרקים אל היהודים דברים טובים ונחומים, למה תהיו נהרגים נחנקים ונשחטים כפר ב׳ בקר תמים על אלהיכם אשר שפך חמתו עליכם מבלי רחמים, הלא טוב לכם עבוד אלהינו הפסילים

---

*) היא העיר האמל. (המעתיק.)

והצלמים, והיינו לעם אחד יחדיו נהיה תמים, ואז תהיו חפשי מאתנו ותהיו חיים וקיימים, ואת כל הרכוש נשיב לכם ותהיו עשירים גדולים ושרים רמים, וזרע קודש אמונים אשר נהרגים על ד׳ כל הימים, מאסו בחיי העולם הזה בחורים ובתולות וזקנים שבים ועלמים, והתאספו יחד גדולים וקטנים וילדים אשר אין בהם כל מומים, יצעקו בצעקה גדולה ומרה לאל עליון שוכן מרומים שמע ישראל ד״ אלהינו ד״ אחד מלך עולמים, כי עליך הורגנו כל היום ד״ אלהי ישראל הבה תמים, לא נשב עם מתי שוא ולא נבא עם נעלמים, והתודו על חטאתם ואמרו אבל אנחנו אשמים, וצדקו עליהם הדין ואמרו הצור פעלו תמים, ויקוננו קינות רבות עד כי עלתה בכייתם למרומים. ויהי כאשר ראו הרקים כי היהודים באמונתם שלמים, אז יענום עזות ודברו אליהם דברי גזומים. עד מתי תקשו ערפכם ותאבדו עצמיכם לדעת ותהיו כשופכי דמים. כי אתם בעצמכם מסבבים הריגתכם ואתם הגורמים לכם הריגה ושחיטה ותעשו זבח כל הימים, באשר כי אינכם חפיצים לעבוד את אלהינו על דהרים הרמים: ואמרו אליהם היהודים למה תאחרו להרגנו, הלא לא נשמע בקולכם ולא נאמר ,מעשה ידינו אלהינו, כי אחד הוא אלהינו בשמים ובארץ הוא מלכנו . הוא יושיענו, ואתם היות שלוחים מאתו יתברך לפגוע בנפשותינו, כי מגלגלין חובה ע״י חייבים במותכם שונאינו ואויבנו. ואם אין אתם הורגים אותנו, הרבה שלוחים למקום עלינו, הרבה אריות ודובים יש לו לבלענו ואתם הם המוכנים ומזומנים לפורענות אתם חרבו לנצח להשחיתונו, ואז הרימו הרקים יד ויהרגו אותם בעונינו, ויעשו הרג רב באחינו בני בריתנו, בבנינו, בבנותינו בנערינו וזקנינו, ושללם לבוז גדול מאד ישליכו בחוצות כספינו, כי רוב עשירי ארץ אקריי״נא ברחו שמה כל שאר היהודים כי אמרו הם אחינו בשרנו, ונאספו גם היהודים אשר היו מקדם שמה בחטאתינו, ומשם יפרדו הגוים הרקים והיו לרבה ראשים ויפשטו על ארצנו, ויחריבו כל מקומותינו, ויהרסו כל בתי כנסיותינו, ובק״ק משער ניאוו״ (?) הרגו כמו שני אלפים נפשות מבני בריתנו, ובק״ק סער״דוב הרגו כמו שנים עשר מאות נפשות מזרע ישראל קדושינו,ומלבד אשר הרגו במסלות ודרכים מאות ואלפים נשמו מסלותינו, ועוז נתיבותינו, ומלבד אשר מתו ברעב ובצמא בימים ובנחלים עד כי נהפכו לדם יאורינו, בחרב ובדבר וברעב שפטנו צורנו, ומלבד אשר ענו וזנו וטמאו בתולות ונשים כמה מאות לעינינו, והולכו שבי למאות ולאלפים בתולות ונשים לארצם על אלה חשכו עינינו, גם קרעו ושרפו באש כל ספרינו הקדושים וכל ספרי תורתנו, על זה דוה לבנו, ולא נשאר רוח בקרבנו, העל אלה תתאפק ותחשה ד״ אלהינו, והרקים אשר בארץ אקריי״נא גם הם על פני כל מדינותינו, והחריבו כל ארץ אקריינא ופדליו וואלין לא נודע איה מקומינו, גם מקצת ארץ ליטא עקרו תחומנו, והרבו חללינו על, ההרים דלקונו, מנשרי שמים היו קלים רודפינו, ק״ק פאוולויטש הרסו עד היסוד עד כי נמס לבנו, ק״ק פר״הבים החריבו לא

השאירו מחיה בכל גבולינו, בק״ק שדה לבן השחירו כשולי קדירה פנינו, בק״ק באד (באר ?) הרגו כשלשת אלפים נפשות קדושות וגם שם השליכו משכנותינו, קרעו ספרי תורתנו, והרסו ובססו מקדשינו, ובק״ק קושטנטין הרגו חמשה עשר מאות נפשות מבני עמנו, ובק״ק פאלינאָיי הרגו הרג רב מאד בכל רחובותינו, כמו עשרת אלפים נפשות קדושות עטרת ראשנו, כי היתה עיר בצורה וברחו שם כל גאונינו ומחמדינו, ואחר כך הרגו בק״ק אוסטורה הנשארים שם בנחלתינו. ויחריבו כל העיר וכל קהילתנו וכל הגלילות והישובים אשר סביבינו: יותר משלש מאות קהלות גדולות והשובות, ובפרט בק״ק נחראל וק״ק שעברשין וק״ק טמאַשאוו׳ שם הרגו לאלפים ולרבבות, בחדש תשרי ת״ח ות״ט למספר הקצובות, והוציאו שם ספרי תורה וספרים ולוחות נבובות, ועשו שטח גדול מהיריעות וישטחו שטוח על פני האדמה בחוצות ורחובות, ושחטו על היריעות זבח משפחה ומשפחה בחלפים ובחרבות, חכמים ונבונים זקנים וזקנות זכרים ונקבות, והרגו אחים לעיני אחיות ושחטו ביום אחד בנים על אבות, ובמקוה המים המטהרות מכל טומאות ותנעבות, שם היו מטבילין כלים ונדות וזבות, השליכו שם חמשה עשר מאות ילדים תמימים בריאות וטובות, ויכסו עליהם עפר ועודם מפרפרים ושפתותיהם בקבר דובבות, העל אלה תתאפק ד׳׳ ותחשה יה שוכן ערבות, ואחר כך בק״ק מאַלדוי עשו זבח רב שם יזבחו זבחי צדק עילות ראיות ועולות חובות, ונשמע שם קול נהי ונהיה קול תרועות ושברים ויבבות וגם בק״ק בריסק וק״ק פינסק וכל הגלילות והסביבות, אין מקום אשר אין שם הרוגים מושלכים איש אל אחיו ואשה אל אחותה משולבות, ועלו מספר הדרוגים מעם ישראל בשתי שנים אלו הנקובות, יותר ממאה אלפים נפשות נחמדים אהובים ואהובות, ומלבד זה באו עלינו כמה מיני יסורים ומכאובות, במקום אשר ברחו היהודים שם בארץ תלאובות, ומתו רבים מהם בערים הרחוקות והקרובות, אין בית אשר אין שם מת בכל מושבות, עד כי חדל לספור ולהכין להם תכריכין וארונות למען ינוחו שלום על משכבות, והיו מושלכים כעשרים ושלשים בבורות חצובות, ונתקיים בנו כל הצ״ח קללות גם כל חלי וכל מכה אשר לא כתובות, ובפרט בק״ק לבוב בעת אשר היתה במצור ובמצוק ובתיהם מסביב חריבות, היה שם דבר ורעב ומתו כמה אלפים נפשות יקרות וחביבות ונאספו אל עמם הרבה גאונים ו אשי ישיבות, מ״ו הגאון הגדול מהר״ר יושע ר״מ ואב ב״ד דק״ק קראקא נאסף בעונינו הרבות, הוא היה אביהן של ישראל הוא הבין תוכן לבבות, פלפלא חריפתא פרי עץ הדר וענף עץ עבות, והגאון הגדול מוהר״ר נפתלי ר״מ ואב״ד דק״ק לובלין ממנו ישאבון השואבות, באר מים חיים אשר מימיהם לא מכזבות, ושארי הגאון הגדול מהר״ר שלמה ר״מ ואב״ד דק״ק סטנאו יניק וחכים דבריו בוקעים רקיע ותהום נוקבות, בן הגאון הגדול מהר״ר נתן שפירא איש האלקים מפיו יהלכו

כידודי אש ושלהבות, וכאלה רבות גאוני ארץ מלאים רוח חכמה ובינה ולחשוב מחשבות אשר לא אוכל אשא שמותם על פי אף כי ,העלות במכתבות, עצמו מספר הגאונים הרבנים יושבי על מדין על מליאות יושבות: ויתר פליטת ישראל הנמלטים מרקים היונים, נשארו בעירום ובחוסר כל בידים ריקנים, והעשירים אשר היו עלי תילע אמונים, יצאו נקי מנכסיהם ונעשו דלים ואביונים, יורדי היו״ם בעג״ו,,ת המה ראו כן תמהו ונבהלו רעיונים, קרועים והולכים לתומם ענוים, דמים וסחופים ועיפים ועטופים ברעב ומוכפנים, שואלים ללחם ואין פורש ואין כל ואין כסף ואין עונים, הולכים ושטים ומכתתים רגליהם מעיר לעיר לכל צד הם פונים, לבקש עזרה מאחיהם בית ישראל גוי שומר אמונים, גומלי חסדים ובישנים ורחמנים בני רחמנים, ומתודים תמיד על חטאתם לפני אדוני האדונים בלב נשבר ורוח נכאה פני מלך מוחל וסולח לעונים, על הפשעים והמרדים והחטאים הזדונים, על כן קבעתי לעצמי ולדורותי לבנים ולבני בנים, יום צום ותענית ואבל ומספד וקינים, ביום עשרים לחודש סיון שבו נתנה תורה היקרה מפנינים, ועתה קרעוה פרעוה גוים רבים המונים המונים, יען כי יום זה הוא תחלה לגזרות ומכאובות וחליים רעים ונאמנים, וגם כי בו הוכפלו הצרות וקלקולים כי גם גזירת תתקל״א היה ביום ההוא ובאותן הזמנים, וגם כי יום זה לא יארע בשבת קודש בשום פנים, על פי הקביעות והלוחות אשר בידינו מתוקנים, וחברתי אלו הסליחות והקינות בבכי ותחנונים, לאומרם ביום זה בכל שנה ושנה עידן ועידנים, וכל אשר הריחו ה׳ ביראתו ובשם ישראל מכונים, ישים על לבו אלו דברים והענינים, ויקבע עצמו יום זה לקונן עליו כעל שני החורבנים, אולי ישקיף ד׳ ויראה ממ״ונים כי עדיין לא שככה חמת המלך ד׳ צבאות מלך עליונים ותחתונים, כי עוד חמת יד המציק הצר הצורר נטויה בחרבות וכידונים, ותמיד הם פושטים בארץ ולמלחמה הם מוכנים ומזומנים, ובכל מקום אשר ימצאו מהיהודים הורגים ובולעים כתנינים והתאספו יחד עם רב מהרקים מזויינים ולבושי שריונים ומאספים עליהם עם רב מהקדרים אשר סביבותיהם חונים ויאמרו לכו ונכחיד ישראל ושמם נמחה בעננים ו,א נשאיר להם שאר וזכרון עם הראשונים ואחרונים. ואנחנו בשם ד׳׳ אלקינו נזכיר ועינינו ליה שוכן מעונים ינקום נקמת דם עבדיו הנשפך כמים על העצים ועל האבנים ונקמת דם החסידים הקדושים חכמים ונבונים ובעלי תריסין עוקרי הרים גאונים ורבנים ושוערים ומשוררים שמשים וחזנים בחורים ובתולות ילדים וילדות גדולים וקטינים חשובים וחשובות מלמדים עם תלמידים נערים וזקנים. אשר נהרגו על קדוש שמו המיוחד באלו הזמנים, שנת ת״ח אשר חשבתי בזא״ת יבא אהרן א, הקודש לפני ולפנים נהפך כנורי לאבל ושמרותי ליגונים והקריבו את עולתם הישראלים והלוים והכהנום ובשנת ת״ט שומרי משמרת הקד״ש הם האנשים ההגונים נהרגו על קדושת שמו יתב״ך בחודש השביעי הוא ירח האיתנים עם נשיהם ובניהם

וטפם בנות ובנים, ונטמאו ונתעבו טומאה תחת טוהר בידי הקדרים והרקים הטמאים גוי עז פנים, קויתו שקי״ט ויבוא רוגז וכל מיני משחית דמכונים אף וחמה ומשחית ומשביר ומכלה. בכולם היינו נדונים באלו השתי שנים.

שנים אשר קויתי לגאולה, וימים מקדם חשבתי.
בהם נפלה עלי חלח׳ה, ומפני ידו בדד ישבתי,
תחת אשר לא עבדתי נורא עלילה, מרוב טוב ולמצותיו לא הקשבתי,
ישר העויתי דרך סלולה, ובריתו הפרתי ומצותיו השבתי.
בגלל כן ערבה כל שמחה וגילה, שבת חגי ומועדי חדשי ושבתי.
נשבעתי במרמה ועולה, בעת אשר לסיני קרבתי.
הן פתיתיו בפי ובלשוני מלה, ודעת עליונה גנבתי.
גם אח״כ בכל דור ודור סלה, הקשיתי ערפי ותורתו עזבתי.
אף בע״ז וג״ע וש״ד בשלשה אלה, אותו הכעסתי ואותו תעבתי.
ובשנאת חנם חללתי יצועי עלה, את שני מקדשתי החרבתי.
נביאיו הרגתי ב׳י חמלה, פקודיו ודרכיו תאבתי.
מעשי הגוים עשות נבלה, למדתי ובהם נתערבתי.
הלא עוד היום אני בגולה, ממעשי הרעים לא שבתי.
רק קלקלתי נתיב ומסלה, ודרכי לא היטבתי.
ריב אחרים וסודם הייתי מגלה, וריבי לא רבתי.
מה מאד נפלתי בנפילה, אל תשמחי אויבתי.
אמנם בתשובה וצדקה ותפילה, את ד, בכל לבבי אהבתי.
ואמר לירוש׳ים ונבנתה עיר על תלה, אמה יריעותיך ומקום אהלך הרחבתי.
רחם ארחמב לשם ולתהלה, ואקבצך מארבע רוחות אשר נשבעתי.
כבוד אהיה בתוכה וחומת אש לה, כי שלם ישלם המבעיר כתבתי.
הכשרתי במקצת נזקו ולא בכולה. בתשלומי כל נזקו חבתי.
נאם ה, ביתי יבנה בכבוד וגדולה. ולירושלים ברחמים רבים שבתי

בן הגאון מוהר״ר מאיר כהן.

נאָך עטוואָס ווילן מיר דאָ ברענגען, וואָס ניט אַלעמען איז דאָס בעקאַנט. די תפילה פון „יזכור" צו חזכרת נשמות, געפינען זיך ניט אין די סדורים וואָס מיר האָבן מזמן הגאונים. דער ערשטער אָרט וואו די תפילה געפינט זיך, איז אין אַ גאַנץ אַלטן פנקס, וואָס געפינט זיך אין דער ביבליאָטהעק צו אָקספאָרד. יענער פנקס ענטהאַלט, לויט ווי עס שרייבט, אונזער קרוב הרב ר' אריה ליב פרומקין אין דעם סדור פון רב עמרם גאון, וועלכן ער האָט אַרויסגעגעבן אין ירושלים אין יאָהר תרע"ב—צווישן אַנדערע היסטאָרישע געשעהעניסע, אויך פיעל תפלות יזכור,וואו עס ווערן אויסגערעכענט איבער 50 קהלות וואָס זייען חרוב געוואָרן און צעהנדליגע טויזענדע אידישע נפשות וואָס זייען אומגעבראַכט געוואָרן מיט אַלערליי מיתות משונות ר"ל. אין די יאָהרן תתנ"ו און תתק"ט לאלף החמישי, איין תפלת יזכור וואָס ענטהאַלט נעמען פון גדולי ישראל ווילן מיר דאָ ברענגען.

יזכור אלהים נשמת מר שלמה ומרת רחל עם נשמות אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה, בעבור שבטלו שמד בכל הקהלות. ונשמת מר יעקב בעבור שבנה בניני הקדש, ונשמת מר יצחק בעבור שבטל מכס של קובליינא. ונשמת רבנו גרשם מאור הגולה בעבור שהאיר עיני הגולה בתקנותיו. ונשמת רבנו שמעון ב"ר יצחק שטרח בענייני הקהלות והאיר עיני הגולה בפיוטיו. ונשמת רבנו שלמה ב"ר יצחק (רש"י.) בעבור שהאיר עיני הגולה בפירושיו. ונשמת רבנו יעקב ב"ר מאיר (רבנו תם.) בעבור שהאיר עיני הגולה בתוספותיו. ונשמת רבנו מאיר ב"ר יצחק שליח צבור. בעבור שתקן שבחות למקום. (כנראה, הוא המחבר את הפיוט ,,אקדמות מלין" לשבועות.) ונשמת רבנו מאיר בן הרב ר' ברוך (מהר"מ מרוטנבורג.) בעבור שהאיר עיני הגולה בחדושיו. ונשמת רבנו מנחם ב"ר יעקב, ורבנו אלעזר בן רבינו יהודה ושאר הרבנים בעבור שהרביצו תורה בישראל, ונשמת רבנו מאיר בן הקדוש הר"ר ברוך הלוי בעבור שהרביץ תורה בישראל. ונשמת רבנו יעקב בן הרב ר' משה הלוי בעבור שהרביץ תורה בישראל. ונשמת ר' יואל בן אהרן בעבור שבנה בית ועד לקהל, ונשמת מרת אוינא בת ר' אליקים ובתה נינא בת הקדוש ר' יוסף בעבור שהניחו שמונים זהובים ל,ימוד נערים, שנים עשר לנר תמיד ולתפילה. ושמונה זהובים לבית עלמין, בשכר זה תהא נשמתם צרורה בצרור החיים עם שאר צדיקים וצדקניות שבגן עדן, אמן.

ותחזינה עינינו בשוב ד. את שיבת ציון, ומחה ד. דמעה מעל כל פנים. „וישני האדמה יקיצו ויחיו" לפ"ק.

תקון טעויות.

צוליעב מיין ניט קענען דאבוי זיין ביים דרוקן, איז אריין אין ספר פיעל פערדריסליכע פעהלער, זיי אלע צו פעררעכטן—איז דאָ קליין דער אָרט. דא־רום שטעה, איך דאָ צורעכט נאָר די פעהלער, וועלכע זייען וויכטיג צו וויסן ביים בענוצן זיך מיט דעם לוח, און יעדער זאָל די פעהלער גלייך צו רעכט מאכן אין ספר, אום ניט צו קומען לידי מכשול. די קלענערע פעהלער, ווי פאלשע אינטערפונקציאָן אדער טעותים אין איינצעלנע אותיות, וועט דער לע־זער אליין בעמערקן און זיי צורעכט מאכן.

זייטע.	שפאלט	שורה	אין שטעל:	דארף זיין:
21	—	7	זונטאָג אדער שבת	זונטאג אדער פרייטאג
43	1	28	צו מנחה קיין תחנון	געהערט צו די לעצטע שורה
45	1	29	קיין יום כפור קטן	מען זאגט יום כפור קטן
46	2	22	בהר בחקתי.	פעהלט: ד. עזי ומעזי.
47	2	12	חקת ובלק אך חמישי.	חקת ובלק. פרק חמישי.
53	1	7	עשר	כל הבכור.
53	2	2	זונטאָג	זונטטאג 2=טער ט. ראש חדש
55	1	30	און תחנון צו מנחה	און קיין תחנון צו מנחה.
58	1	14	תענית בכורים	פעהלט: ערוב תבשילין.
61	1	29	קיין י"כ קטן	פעהלט: צו מנחה קיין תחנון
64	1	18	שחוה"מ	חוה"מ
66	1	15	ואתחנן, נחמו.	פעהלט: חמשה עשר.
66	1	29	ראה, מחר חדש.	ראה, עניה סערה.
70	2	17	מיטוואָך.	פעהלט: צו מנחה קיין תחנון
71	2	29	יין תחנון.	קיין תחנון
73	1	22	שמיני עצרת	פעהלט: מען לייענט קהלת.
73	2	23	מאָנטאָג	פעהלט: פון הייַנט א ספק אין משיב הרוח ברויך מען ניט איבער דאווענען
77	2	2	זונטאָג	פעהלט: 2 טער טאָג ר"ח
86	2	2	זונטאָג 7=טער טאָג חנוכה	" " " "
91	1	29	מאָנטאג קיין י"כ קטן	פעהלט: צו מנחה קיין תחנון
99	1	13	חמשה עשר.	די ווערטער שטרייכן.
105	2	29	מאנטאָג ערב.	מאנטאג ערב ר"ח

זייטע.	שפאלט	שורה	אין שטעל.	דארף זיין.
107	2	2	זונטאָג	פעהלט. צווייטער טאָג ר״ח
112	2	2	דינסטאָג	דינסטאג 2־טער טאג ר״ח
113	1	4	פרק א.	פרק ששי
113	2	3	והיה שארית יעקב	ויפתח הגלעדי
117	2	29	ערב	ערב ראש חדש
123	3	15	שושן פורים קטן	שושן פורים.
128	—	17	235	325
128	—	20	ג אלפים	ה. אלפים
171	—	36	מוטל	מוחל
179	1.2.2.4	2	מיט איר צייט	מיטל איראפעאישע צייט
182	—	24	פון	פין
183	—	19	תקט״ב	תקמ״ב
184	—	9	השטדלות	השתדלות
186	—	7	ר׳ יוסף דוד	ר׳ יוסף דוב
186	—	30	א ערים	אפרים
187	—	23	המטובל	המקובל
188	—	1	היסטאָקער	היסטאריקער
195	—	2	תלל	ת״י.
195	—	23	תשב״ט	תשסט
196	—	4	תתל״ג	תתע״ב
205	—	21	עליעזר	אלעזר
208	—	9	דרך	ירב
208	—	11	יתתק	יצחק
208	—	22	סב	רב
209	—	13	נאָך רב הונא	נאך רב נחמן בר רב הונא
213	—	25	הויפטמיניסטער	חויפמיניסטער
218	—	17	1290	1289
219	—	29	פ״ח	פ״ה
219	—	32	פ״ה	פ״ח

תכן הענינים.

זייטע:

פאררוארט 4

דינים און מנהגים 6

איינלייטונג 13

לוח השנים 23

מולדות, תקופות ושאלת טל ומטר 33

לוחות 43

הקדמה צום לוח 127

יאָהרן-טאבעלע 131

טאָגן-קאלענדער 135

4000 יאָהריגער קאַלענדער 136

קאלענדער אויף 428 יאהר 137

הקדמה צום לוח המשוה 165

לוח המשוה 167

א ביסל אסטראנאָמיע 170

לוח השקיעות 179

זכרונות 181

קורא הדורות — כראָניקע 189

מגלת עיפה, הגאון בעל הש״ך זצ״ל . . . 235

לוח הטעויות 243